ראש השנה ||| שנת תשפ״ד לפ״ק ||| גליון כ׳ ||| שנה ב׳

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט״א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט״א

פטרון סדר דברים
הרוצה בעילום שמו
לטו״נ הרה״ק רבי אלעזר
בן הרה״ק רבי אלימלך זי״ע מריישא

## מלכיות – זכרונות

### כדי שתמליכוני עליכם:
די האַרציגע עבודה פון ׳מלכיות׳, און ׳זכרונות׳

יום ראשון פרשת וילך, כ״ח אלול תשפ״א לפ״ק

א

## הכל בתר רישא גריר; ראש השנה איז דער קאָפּ פונעם יאָר וואָס איז משפּיע אויף אַלע טעג

### די מוחין פון אַגאַנץ יאָר קומט פון ראש השנה

אין ספה״ק **׳בת עין׳**, ברענגט ער דעם באַקאַנטן יסוד וואָס שטייט אין אַסאַך ספרים הק׳, אַז ראש השנה איז נישט בלויז ׳דער אָנהויב׳ פון דאָס יאָר, נאר ס׳איז **׳דער קאָפּ׳** פון דאָס יאָר!

דער ׳בת עין׳ זאָגט אַז די שורש פון **אַלע תפלות פון אַגאַנץ יאָר** ווערט נמשך פון די ׳מוחין׳ וואָס דער מענטש איז ממשיך אויף זיך אום ראש השנה. פּונקט אַזוי ווי ביים מענטש קומט די גאַנצע ׳חיות׳ פון דעם ׳קאָפּ׳ צו דעם ׳הארץ׳ און פון דאָרט צו אַלע ׳אברים׳, אַזוי איז **ראש השנה דער ׳קאָפּ׳ און אַלע אַנדערע טעג פונעם יאָר איז אַזוי ווי די אברים, וואָס באַקומען זייער גאַנצע חיות פון דעם קאָפּ!** די תפלה פון אַ מענטש איז אַזוי ווי די ׳הארץ׳ און דאָס האַרץ באַקומט דאך אַלע הרגשים פון דעם מח. דעריבער איז ׳ראש השנה׳ דער שורש פון אַלע תפלות פונעם יאָר!

### די מחשבות פון ראש השנה לאָזט אַ רושם אויף אַלע קומענדיגע ימות השנה

דאָס איז אַ יסוד נפלא וואָס איז נוגע למעשה, אַז **במשך דעם ראש השנה איז זייער וויכטיג צו עוסק זיין מיט טראַכטן די ריכטיגע מחשבות נאָכאַנאַנד.** ווייל אַלע אונזערע הרגשים פון אַגאַנץ יאָר ווערט נמשך פון די מחשבות וואָס מען האָט געטראַכט אום ראש השנה.

ס׳איז דאָ אַ מורא׳דיגע עבודה אַז **דורכאויס די 48 שעה פון דעם ראש השנה זאָל מען כסדר חזר׳ן ריכטיגע מחשבות, ראש השנה׳דיגע מחשבות!** אויסערדעם וואָס מ׳דאַרף סתם אַזוי אַריינכאַפּן און אויסנוצן יעדע מינוט פונעם ראש השנה, ווייל די תולדה דערפון וועט מען שפּירן אַגאַנץ יאָר, דאַרף מען ספּעציפיש אַסאַך אַרבעטן צו האָבן די ריכטיגע מחשבה אום ראש השנה. ס׳איז אַ טאָג פון ׳מוחין׳, ס׳איז אַ טאָג פון ׳ראש׳, און די מחשבה פון דעם טאָג האָט אַ שליטה אויף וויאַזוי מען גייט זיך פירן בכל ימות השנה!

### אַ מענטש ווערט אַנדערש דורך טוישן זיין מהלך המחשבה

דאָס איז אַ זאַך וואָס מען קען זען במציאות: למשל, אַ איד פלעגט ווערן זייער בכעס פון אַ געוויסן מענטש; יעדעס מאָל וואָס יענער האָט אים געטראָפן אָדער עפּעס געזאָגט איז ער געוואָרן נערוועז אָדער צעבראָכן. ביז איינער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט אים, ער האָט אים אַריינגעלייגט אין מח ריכטיגע מחשבות וואָס ער זאָל טראַכטן; יעדעס מאָל ווען ער טרעפט יענעם זאָל ער זיך דערמאַנען אַז ״איך בין ווערד אפילו ווען יענער האַלט נישט אַזוי״, ״דער באַשעפער פירט די וועלט״, און אַזוי ווייטער פאַרשידענע מהלכי המחשבה וואָס באַרואיגט אים.

דאָס מציאות איז אַז אויב דער מענטש חזר׳ט דאָס טאַקע כסדר, **וועט זיך טוישן זיין גאַנצע התנהגות.** שפּעטער ווען יענער וועט אים נאָכאַמאָל טשעפּן, וועט ער זיך דערמאַנען די ריכטיגע מהלך המחשבה, און ער וועט מער נישט שפּירן די זעלבע הרגש ווי בעפאָר. **ער וועט זיין רואיגער**, ווייל זיין וועג פון טראַכטן האָט זיך געטוישט.

דאָס זעלבע איז מיט איינעם וואָס האָט מורא צו גיין צווישן מענטשן, ער שפּירט אַז ער גייט ווערן פאַרשעמט, א.ד.ג. איז דער מציאות אַז וויפיל ער גייט זיך איינ׳חזר׳ן די ריכטיגע מחשבות איינמאָל און נאָכאַמאָל, **גייט דאָס אים טוישן!** שפּעטער, ווען ס׳גייט נאָכאַמאָל קומען צו אַזאַ מצב, וועט זיין נייער ׳מהלך המחשבה׳ אים מאַכן שפּירן בעסער.

### אותיות מחכימות
ספה״ק בת עין דרוש לערב ראש השנה

נראה לפרש על דרך מאמר חז״ל (ברכות ל, ב) ״אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש״, כי ידוע ששורש תפילות של כל השנה נמשך מהמוחין שממשיך האדם על עצמו ביום ראש השנה דוקא, כי ראש השנה הוא בחינת ראש לגבי כל השנה, ושאר ימי השנה הם בחינת אברים [שנמשך חיותם מהראש], ותפילה נקרא לב כמאמר חז״ל (תענית ב, א) על ולעבדו בכל לבבכם וגו׳ (עקב יא, יג) איזהו עבודה שהיא בלב, הוי אומר זו תפלה, שצריכה להיות בלב נשבר ונדכה אלוקים לא תבזה, בבחינת הכנעה וענוה, ולזה רמזו רבותינו ז״ל במתק לשונם באמרם אין עומדין להתפלל אלא מתוך כוב״ד ראש, רצה לומר כוב״ד גימטריא ל״ב, רא״ש מרמז לר״ה, שהוא בחינת רא״ש כנ״ל, ופירוש אין עומדין להתפלל אלא מתוך אותה תפילה, בחינת לב, שהמשיך בחינת מוחין ביום ראש השנה, שהוא בחינת ראש כנ״ל.

### ראש השנה איז די צייט פון 'מח' וואָס איז מסוגל צו משנה זיין די מחשבה

זאָגן אונז די חסידי'שע ספרים אַז אַלע אונזערע מחשבות במשך דאָס גאַנצע יאָר, **קומען פון די מהלך המחשבה וואָס מיר האָבן געטראַכט אום ראש השנה.** יעדעס מאָל וואָס דער מענטש האָט אן איבריגע מינוט ראש השנה, אפילו אינמיטן דאַווענען; ווען מען דאַוונט ברוב עם נעמט יעדע זאַך לענגער, און אַסאַך מאָל טרעפט מען זיך אַז מ'האָט שוין געענדיגט דעם שטיקל און מען וואַרט אויפ'ן בעל תפלה, וואָס זאָל מען יעצט טון? מען קען אַריינקוקן אין אַ ספר'ל, אָבער **מען קען אויך אויסנוצן די געלעגנהייט צו טראַכטן די ריכטיגע מחשבות און דאָס גייט אים טוישן זיין גאַנצע 'מהלך המחשבה'!** ראש השנה איז דאך אַ טאָג פון 'מוחין', וואָס איז משפיע פאַר דעם גאַנצן יאָר.

ווי געזאָגט איז דער מענטש אויסגעשטעלט מיט אַ סדר, אַז ס'איז דאָ דער 'מח' וואָס איז שולט אויף דעם 'לב' און דערנאָך אויף די 'אברים'. אויפ'ן זעלבן אופן האָט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט דעם 'סדר הזמן' - אין ספה"ק איז מבואר אַז יעדע יום טוב איז קעגן אן אַנדערע אבר פון דעם גוף, און **ראש השנה איז דער 'מח'!** ווען אַ מענטש וועט נוצן **'זיין מח'** אין דעם **'זמן פון מח'** האָט עס אן אויסטערלישע תועלת און השפּעה אויפ'ן יאָר, ווייל יעצט איז דער 'זמן מסוגל' וואָס איז אויסגעשטעלט פאר דעם ענין פון מחשבה!

### לעבן מיט 'מלכיות זכרונות שופרות'

וואָס איז טאַקע די ריכטיגע 'מהלכי המחשבה' וואָס אַ איד דאַרף טראַכטן ראש השנה?

אויף דעם האָבן אונז חכמינו ז"ל געגעבן אַ מורא'דיגע עצה: **זיי האָבן אונז געזאָגט אַז אונזער מחשבה אום ראש השנה זאָל זיין פון 'מלכיות זכרונות שופרות'!**

ס'איז נישט בלויז נתתקן געוואָרן אַז מען זאָל

> ## אַ מענטש ווייסט דען וואס זיין קינד גייט אים 'מנסה' זיין במשך דאס יאר?! וואס פארא נארישקייטן דער בחור וועט טון?!

זאָגן די צען פּסוקים פון 'מלכיות', די צען פּסוקים פון 'זכרונות' און די צען פּסוקים פון 'שופרות', נאר **דאָס איז די עבודה פונעם גאַנצן ראש השנה,** מבואו ועד צאתו!

די מצות זענען אַלעמאָל אַזוי אויסגעשטעלט אַז אויף דעם 'עולם העשיה' קען מען מקיים זיין די 'מעשה המצוה' נאר איינמאָל. גלייך ווען מען האָט געטון די פּאַקטישע מעשה פון דער מצוה האָט מען דאָס מקיים געווען. אָבער באמת שפּרייט זיך די מצוה אויס אויפ'ן גאַנצן זמן. **ס'איז נישט בלויז בשעת מען זאָגט דעם דיבור אין עולם העשי', נאר מען קען לעבן דערמיט אַגאַנצן טאָג.**

אַזויווי למשל די מצוה פון 'נטילת לולב'; די הלכה איז אַז אויב מען האָט איין מאָל געשאָקלט לולב האָט מען שוין יוצא געווען די מצוה, אָבער די גמרא פאַרציילט שוין פון די 'אנשי ירושלים', וואָס האָבן נישט אָפּגעלאָזט דעם לולב אַגאַנצן טאָג; וואו זיי זענען געגאַנגען האָבן זיי דאָס מיטגענומען, זיי זענען געגאַנגען מבקר חולה זיין מיט'ן לולב, מנחם אבל זיין מיט'ן לולב, ווייל זיי האָבן מהדר געווען צו עוסק זיין אין דער מצוה אַגאַנצע צייט.

אַזוי אויך זעט מען אין דעם יו"ט שבועות, דער זמן פון 'קבלת התורה', וואָס ס'איז נישט בלויז בשעת די עטליכע מינוט פון קריאת התורה, ווען מען ליינט די 'עשרת הדברות', נאר וויפיל מער אַ מענטש איז עוסק אַגאַנץ יום טוב אין דעם ענין פון קבלת התורה איז דאָס אַ חלק פון דעם 'עבודת היום'!

דאָס זעלבע איז 'ראש השנה' מיט דעם ענין פון 'מלכיות זכרונות שופרות': **דאָס איז אַ מתנה וואָס דער אויבערשטער גיט אונז,** אַז מיר זאָלן וויסן און האָבן די ריכטיגע מחשבות וואָס מ'דאַרף עוסק זיין דערמיט, דורכאויס דעם גאַנצן טאָג.

### 'כדי שתמליכוני' אַגאַנץ יאָר

אין ספה"ק **תורת אמת,** פון הרה"ק רבי **לייבעלע איגר** זי"ע, שטייט נאָכמער, אַז דער כח וואָס מיר האָבן אַגאַנץ יאָר צו ממליך זיין דעם אויבערשטן קומט פון ראש השנה. מיט דעם טייטשט ער דעם מאמר חז"ל: **"אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם"**. אַז דער רבוש"ע בעט אונז: **"אמרו לפני מלכיות"**, - זייט עוסק אין דעם ענין פון 'מלכיות' ראש השנה, **"כדי שתמליכוני עליכם"** - אַזוי וועט איר האָבן דעם כח מיך ממליך צו זיין אַגאַנץ יאָר!

ס'איז טאַקע דאָ באַזונדערע מחשבות פון 'מלכיות', באַזונדערע מחשבות פון 'זכרונות' און באַזונדערע מחשבות פון 'שופרות', וואָס יעדע פון די דריי איז אַ שורש פון גאָר אַסאַך ענינים, און מען דאַרף עוסק זיין דערינען, כדי דאָס זאָל משפיע זיין אַגאַנץ יאָר אויף אונז.

ב

## ובו תנשא מלכותך; די עבודה פון 'מלכיות' צו ממליך זיין דעם רבוש"ע אויף די 'אייגענע' בריאה

### מלכיות - חזר'ן די אמונה אַז דער רבוש"ע איז 'בורא ומנהיג לכל הברואים'

די פּשוט'ע באַדייט פון 'מלכיות' איז צו האָבן **מחשבות פון 'אמונה'**, אַז דער רבוש"ע פירט די וועלט, און אַז מען חזר'ט אַגאַנץ ראש השנה אַזעלכע מחשבות פון אמונה וועט דאָס איבערלאָזן אַ געוואַלדיגע השפּעה אויפ'ן יאָר.

ס'איז דאָ אַזויפיל צייטן אינעם יום טוב; ווען מען קומט און מען גייט פון בית המדרש, און אפילו אינמיטן דאַווענען ווי דערמאַנט, ווען מען קען טראַכטן און זיך איינ'חזר'ן מחשבות פון אמונה, אַז דער רבוש"ע פירט די וועלט. און אויב מען טוט דאָס איז מען **בשעת מעשה מקיים דעם 'אמרו לפני מלכיות'- מען איז ממליך דעם אויבערשטן!**

### מחשבות פון אמונה בנוגע אונזער פּריוואַטע לעבן

דורכאויס דעם ראש השנה קען מען כסדר זיך דערמאַנען און געדענקן אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! **מען קען זאָגן 'אני מאמין' און זיך מחזק זיין מיט די אמונה אין השגחה פּרטיות!** איבערהויפּט קען אַ איד זיך מתבונן זיין אַז אַלע פּרטים פון זיין לעבן, זיין פּערזענליכע מצב, זיינע חברים, זיינע שוועריגקייטן, זיין משפּחה, זיין קינד מיט וועמען ער מוטשעט זיך גאָר שטאַרק, אַז **דאָס אַלעס איז אויסגעשטעלט מיט אַ פּונקטליכע השגחה,** פּאר זיין בעסטע תכלית און פּאר זיין שלימות'דיגע טובה!

אַ איד קען זיך איינ'חזר'ן ראש השנה אַז דאָס קינד וואָס מאַכט אים אַזוי שווער דאָס לעבן, איז נישט אָנגעקומען צו אים בטעות, וויבאַלד מען האָט געדאַרפט אַראָפּברענגען אַ נשמה אויף דער וועלט און מען האָט אים נישט געהאַט וואו צו פּלאַצירן האָט מען אים געלייגט ביי אים אין שטוב...

דער רבוש"ע וואָלט געקענט מאַכן פאַר יעדע נשמה אן אַנדערע וועלט, אַז דו זאָלסט זיך נישט דאַרפן טרעפן מיט אַנדערע שווערע נשמות און נישט האָבן די אַלע פּראָבלעמען. דער רבוש"ע האָט אָבער געוואָלט אַז אַלע נשמות זאלן זיין אויף דער וועלט, איינער זאָל זיך טרעפן מיט'ן צווייטן, איינער זאל מנסה זיין דעם צווייטן, און **דאָס איז אַלעס פּאר דיין שלימות!** פון דיין זייט ביזטו טאַקע אַן איינציגער אויף דער וועלט, 'בשבילי נברא העולם', און די אַלע אַרומיגע זאַכן

וואָס שפּילן זיך אָפּ איז בלויז כדי דו זאָלסט זיך אויסאַרבעטן! דאָס איז דיין שלימות, און **דאָס קינד וואָס ברענגט דיך גרעסערע נסיונות, מאַכט דיך מער שלימות!**

## די מחשבות פון ראש השנה גיט אונז דעם חיזוק אויף אַלע נסיונות

רבי לייבעלע איגר זי"ע זאָגט אונז: ווען דו וועסט חזר'ן אַזעלכע מחשבות ראש השנה, וועט עס דיך געבן דעם כח אַגאַנץ יאָר פון 'שתמלוכונו עליכם', וועסט קענען אַלעמאָל ממליך זיין דעם אויבערשטן!

דער מענטש ווייסט דאָך נישט וואָס פאַראַ נסיונות עס גייט אים אונטערקומען במשך דאָס יאָר. מ'רעדט נישט פון חלילה גרויסע אומגליקן, נאר **אפילו די פשוט'ע 'הלך ילך' וואָס יעדער גייט דורך אין זיין פריוואַטע לעבן.**

אַ מענטש ווייסט דען וואָס זיין קינד גייט אים 'מנסה' זיין במשך דאָס יאָר?! וואָס פאַראַ נאַרישקייטן דער בחור וועט טון?! דעמאָלט וועט ער דאָך אַזוי וויכטיג דאַרפן אַ דערמאַנונג אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, אַז ער זאָל קענען בלייבן רואיג און בשמחה אפילו ס'איז שווער.

אָט די מחשבות פון השגחה פרטיות וואָס דער מענטש חזר'ט זיך ראש השנה איז כולל אַלע מצבים פון דאָס יאָר! דאָס גיט אים די כוחות אַז ווען זאַכן וועלן פאַסירן וועט ער שוין זיין געדעקט! ער **האָט שוין גענומען ראש השנה אַ 'וואַקסין', וואָס גיט אים די שטאַרקייט צו האָבן די אמת'ע אמונה** ווען ס'וועט אונטערקומען אַלע סאָרט מצבים! ער האָט שוין מקדים געווען די 'רפואה' פאר דער 'מכה' אַז זיין נשמה זאָל האָבן די כוחות הנפש ווען ס'וועט זיך נויטיגן דערינען.

## זיך מצייר זיין אַלע סאָרט מצבים פון דעם סדר החיים

דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן אַ געוואַלדיגע מתנה אום ראש השנה: **טראַכט פון 'מלכיות'! זיי עוסק אין 'מלכיות'!** דאָס איז דאָך אַ מורא'דיגע עבודה, וואָס איז כולל סיי די חלק פון '**אמונה בהשגחה פרטיות**', און סיי די חלק פון '**בטחון**'; צו געדענקן די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אים, וויפיל גוטס דער אויבערשטער האָט אים שוין געגעבן און וויפיל גוטס דער אויבערשטער גייט אים ווייטער געבן. דאָס איז אַלעס אַ חלק פון ממליך זיין השי"ת!

אַלס אַ חלק פון די 'המלכה' איז זייער וויכטיג **זיך צו פארשטעלן אַלע סאָרט מצבים וואָס קען אַלס אונטערקומען** אין דאָס לעבן, און ממליך זיין דעם אויבערשטן אויך ביי יענעם מצב.

## ואהבת את ה' בכל לבבך - אין יעדע סאָרט מצב און מציאות

דאָס ענין פון זיך מצייר זיין פאַרשידענע סאָרט מצבים מיט אַן אמונה, זעט מען ביי די מצוה פון קריאת שמע - **די ערשטע זאַך ווען אַ איד שטייט אויף ראש השנה אינדערפרי ליינט ער קריאת שמע**, וואָס איז אויך אַ חלק פון די עבודה פון 'מלכיות'.

ביי קריאת שמע שטייט שוין פון די פריערדיגע קדמונים אַז מען דאַרף זיך מצייר זיין, ווי מען טאַנצט אַריין אין אַ פייער למען קדושת שמו יתברך. דאַרף מען דען נאר טראַכטן פון אַ פייער, ווייל דאָס וועט מסתם נישט געשען?! **אודאי דאַרף מען זיך מצייר זיין אויך אַלע אַנדערע סאָרט מצבים וואו ער איז ממליך דעם אויבערשטן 'בכל לבבך, בכל נפשך, ובכל מאודך'!** -"איך וויס אַז ס'גייט מיר אונטערקומען נישט לייכטע מצבים, כ'גיי האָבן נסיונות, און כ'בין זיך מקבל צו בלייבן געטריי פאַר'ן אויבערשטן, צו בלייבן אַן 'עבד נאמן לה' ולתורתו'".

ווען אַ מענטש איז זיך מצייר אַזעלכע מצבים און ער איז 'מקבל עול', **האָט ער כפשוטו מקיים געווען דעם 'אמרו לפני מלכיות'!** דער פסוק פון 'שמע ישראל' איז דאָך איינע פון די פסוקים פון 'מלכיות'! אויב ביי די פסוקים איז אַ מענטש זיך מקבל צו דינען השי"ת אין יעדע סאָרט מצב, ליגט דערינען 'אמונה' און עס ליגט דערינען 'בטחון'.

## ביישפּילן פון מחשבות מיט אַ 'מלכיות'דיגע בליק

אַן ערליכער איד נעמט זיך אונטער ראש השנה נישט צו עוסק זיין אין נאַרישע השתדלות, **ער דערמאַנט זיך דעם אמת אַז השתדלות ברענגט נישט קיין פרנסה!** אַזוי אַז אינמיטן יאָר וועט אים זיין גרינגער ווען ער וועט האָבן דעם נסיון, ווייל ס'האָט זיך שוין איינגעוואָרצלט ביי אים די ריכטיגע מהלך המחשבה.

ער דערמאנט זיך פאַרשידענע מצבים ווען ער האָט געטון השתדלות און ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן און דערנאָך ווען ער האָט אָפּגעלאָזט די 'כוחי ועוצם ידי' און האָט געדאַוונט צום באַשעפער האָט עס יאָ געהאָלפן. **דאָס זיך מצייר זיין וויאַזוי ער גייט האָבן אמונה אין אַלע סאָרט מצבים פון זיין פריוואַטע לעבן, איז דער הידור מצוה פון 'אמרו לפני מלכיות'!**

עס שטייט דאָך אין אַלע ספרים הק' אַז ווען מען שרייט 'המלך' און מען בעט 'וידע כל פעול כי אתה פעלתו', אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער, **איז דער עיקר עבודה אַז דער מענטש זאָל ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף 'זיך אליינס'!** וויאַזוי איז מען ממליך דעם אויבערשטן אויף זיך? ווען מען דערמאַנט זיך זיינע נסיונות און מען איז 'מקבל עול' צו האָבן אמונה און בטחון אין יעדן מצב. אָט דער 'עול מלכות שמים' וואָס מען איז מקבל אויף זיך, דאָס איז די גרעסטע המלכה פון ראש השנה!

באמת איז דאָ אָן קיין שיעור פון 'ציורים' וואָס מען קען זיך אַלס פארשטעלן, ווייל וויפיל עלטער דער מענטש ווערט, אַלס מער ווערט זיין לעבן קאָמפּליצירט. זיין אַרבעט, זיין משפחה, זיין קהלה, זיינע שכנים, און בעיקר זיך אליינס. **אַסאַך מאָל איז מען אַזוי פאַרנומען מיט אַלע אַרומיגע מצבים אַז מען פאַרגעסט פון זיך אליינס...** וויפיל נסיונות האָט אַ מענטש ביי זיך אליינס וואָס איז נישט פאַרבינדן מיט אַנדערע.

ווען מען דערמאַנט זיך דעם אמת אַז מ'גייט לעבן מיט אמונה, איז מען מקיים דעם 'אמרו לפני מלכיות'!

## אַנערקענען אַז דער רבוש"ע פירט די מלוכה, נישט איך...

נאָך אַ חלק פון 'מלכיות' איז אַז מען זאָל זיך אַביסל דערמאַנען דעם אמת ווען ס'קומט צו דער סוגיא פון 'גאוה' און 'ענוה'.

נישט אַלעמאָל איז דער מענטש משים לב וויפיל ער האַלט פון זיך; וויפיל ער שפּירט אַז ער איז אַ 'טויגליכע זאַך'; וויפיל ער איז זיך אליינס משבח כסדר; וויפיל זיינע מחשבות דרייען זיך אַרום 'כוחי ועוצם ידי'; יעדער מענטש לויט זיינע אומשטענדן.

ס'איז וויכטיג אַז מען זאָל זיך כאַפּן די גרויסע בושות וואָס מען דאַרף האָבן פון דאָס 'גאוות', וויפיל מען האַלט פון זיך. דער מענטש זאָגט טאַקע אַז דער אויבערשטער איז 'מלך' אָבער דער מענטש פירט זיך אַזוי גרויס, ער קאמאַנדעוועט אַרום כאילו ער פירט די וועלט... ס'איז דאָך אַ סתירה: **דו ביזט מלך אָדער דער אויבערשטער איז מלך?!**

ווען אַ איד זאָגט 'המלך' דאַרף אים אָנכאַפּן אַ בושה, ווי די באַקאַנטע מעשה אַז הרה"ק רבי **אהרן הגדול מקארלין** זי"ע האָט אַוועקגע'חלש'ט ווען ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד זאָגן 'המלך'. שפּעטער האָט ער געזאָגט אַז ער האָט זיך דערמאַנט וואָס די גמרא זאָגט אין מסכת גיטין (דף נו, א), ביי די אגדתא פונעם חורבן בית שני, אַז אספּסיינוס האָט געפרעגט פון רבי יוחנן בן זכאי: **"אי מלכא אנא, עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי"**. - אויב איך בין טאַקע דער קעניג, פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען צו מיר ביז יעצט?!

## אַביסל אָפּלאָזן דעם 'כחי ועוצם ידי' און אויפגעבן די מלוכה פאַר'ן אויבערשטן

אַ מענטש מאַכט אַ גרויסע עסק פון ראש השנה; ער גיט אויס געלט אויף ראש השנה, ער מאַכט סגולות צו זוכה זיין בדין, ער גייט צו מקומות הקדושים, ער שיקט אַ קוויטל, ער טיילט צדקה, און ער איז פאַרנומען אויסשטעלן זיין ראש השנה זאל קלאַפּן; אָבער ווען עס קומט צו 'המלך' איז עס אַביסל בזיונות... ווייל **דו פירסט זיך אַגאַנצע מלוכה פאר זיך, און דו זאָגסט אַז דער באַשעפער איז מלך?!** אַז דו האַלטסט טאַקע אַז דער רבוש"ע איז 'מלך' לאָז אָפּ אַלע דיינע 'כוחי ועוצם ידי' זאַכן און זיי זיך מכניע אונטער זיין מלכות!

ווען אַ מענטש איז זיך אַביסל מתבונן, וועט ער זען וויפיל ער פירט 'מערכות' און וויפיל ער האָט 'שיטות', אויף אַזויפיל אופנים. דאָס זיך מכניע זיין פאַר'ן אויבערשטן איז **אַן עבודה**

**ער דערציילט ווי געלונגען ער איז אַז דער אויבערשטער האָט אים געמאַכט 'השגחה פּרטיות'...**

**פון אַגאַנץ לעבן!** מען דאַרף אויף דעם אַרבעטן ווילאַנג מען לעבט, כולי האי ואולי, צו קענען שפּירן כאָטש אַביסל דעם געפיל פון "**גלוי וידוע לפניך שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך אפילו שעה אחת**", און צו געדענקן גוט אַז אויב דער רבוש"ע גיט איין ריר איז דער מענטש אויס קאפּעליטש מאַכער אין איין רגע... ער קען שוין גאָרנישט טון חלילה.

אַ מענטש דאַרף אַריינעמען אַזויפיל מחשבות פון אמונה כדי צו טוישן אַביסל זיין מהלך החיים, ער זאָל אָנהויבן לעבן אַביסל אַנדערש. די ערשטע מדריגה דערפון איז אַז כאָטש צווישן מענטשן זאָל ער זיך נישט מאַכן קיין בושות... גיי נישט אַרום זאָגן ווי גרויס דו ביזט; זיי כאָטש נישט מבייש אַנדערע מענטשן; טשעפּע נישט אַנדערע מענטשן; טו נישט קיין פּעולות וואָס ווייזט אויף דיין גאוה. **דאָס וועט צוביסלעך העלפן אַז מען זאָל זיך טוישן, ווייל "האדם נפעל כפי פעולותיו".** טראַכט אַריין וויפיל דער אויבערשטער איז דיך מחי' יעדע רגע און וויפיל אַלע דיינע פּעולות קומט בלויז פון השי"ת, אַזוי אַז דו קענסט זיך גאָרנישט זיך גרויס האַלטן דערמיט.

## ווען מ'איז פאַרנומען מיט די אייגענע הצלחות איז דאָך נישטאָ קיין 'המלכה'

אַ איד וואָס איז ממליך דעם אויבערשטן אויף זיך שעמט זיך פון דעם רבוש"ע. ער זוכט נישט צו זיין אין אַ מצב וואָס קען אים ברענגען אין מחשבות פון 'כוחי ועוצם ידי'. **ער וויל נישט נכשל ווערן אום ראש השנה מיט מחשבות וואָס איז דער 'היפוך' פון 'מלכיות'!**

ס'איז דאָ אַזויפיל דוגמאות פון אַזעלכע 'כוחי ועוצם ידי' מצבים וואָס קען פּאַסירן יעדן ראש השנה.

מען וועט דערמאַנען אַ נאַרישע ביישפּיל, וואָס נישט יעדער קען זיך טרעפן דערינען: ראש השנה איז אַ צייט וואָס אַסאַך מענטשן פאָרן אַוועק פון שטוב צו זייערע רבי'ס. מען טרעפט זיך מיט חברים וואָס מען האָט שוין לאַנג נישט געזען. קען פּאַסירן אַז אַ מענטש געפינט זיך ביי דער סעודה ראש השנה ביינאַכט און ער איז פאַרנומען אַהאַלבע שעה צו פאַרציילן איבער זיינע הצלחות פון דאָס לעצטע יאָר; ער האָט ערלעדיגט דאָס און ער האָט מצליח געווען צו טון יענס. וויאַזוי האָט ער דאָס באַוויזן?! הער זיך איין, ער איז ב"ה אַ געלונגענער מענטש, דער אויבערשטער האָט אים געגעבן כשרונות, פּירט ער יעצט אַ קופּקע און דערציילט פון זיינע הצלחות... **אָבער וואו איז די 'מלכות השם'?!** אויב אַ מענטש אַרבעט נישט אויף זיך איז דאָס זיין נאַטירליכע מהות, זיין מח אַרבעט אַלעמאָל אַזוי, און אויך ראש השנה ביינאַכט וועט ער אַזוי רעדן.

איי, וואָס ווילסטו פון אים?! ער האָט דאָך נישט גערעדט קיין לשון הרע! ער האָט נישט גערעדט קיין דברים אסורים! ער האָט בלויז דערציילט זיין געשיכטע, אַז ער איז געקומען דאָ און געגאַנגען דאָרט... אָבער פאַרוואָס דערציילט ער דאָס?! ער איז נישט עוסק דערמיט אין דעם "זכר רב טובך יביעו וצדקתך ירננו". נישט דאָס ליגט אין זיינע דיבורים... בדרך כלל, אפילו ווען ער רעדט אָנגעבליך פון 'השגחה פּרטיות', רעדט ער וועגן זיין אייגענע השגחה פּרטיות... **ער דערציילט ווי געלונגען ער איז אַז דער אויבערשטער האָט אים געמאַכט 'השגחה פּרטיות'...**

אַ משפּחה זעצט זיך אַראָפּ צו דער סעודה. מען האָט אָנגעגרייט די סימנים לויט אַלע מנהגים, די חלות די פיש, און די פאַרהייראַטע קינדער קומען אַריבער צו דער סעודה. הייבט מען אן רעדן אַז די עסן איז יא אָדער נישט געלונגען, ווי געשיקט מען איז געווען אַריינצוברענגען דעם יום טוב. אַלעס זייער פיין, אָבער דאָס איז נישט מלכות'דיג...

## לאָמיר לאָזן דעם אויבערשטן זיין 'מלך'

די משלים זענען אפשר נאַרישע משלים אָבער וואָס זאָל מען טון אַז די נאַרישע זאַכן נעמען איבער אונזער מחשבה, און ס'איז דאָ אַסאַך גרעבערע משלים וואו דער מענטש פאַרגעסט פון דעם 'מלכות שמים'. אַמאָל זעט מען אַ מענטש וואָס וויל עפּעס זאָגן אָבער מען האַקט אים אַגאַנצן צייט אַריין, מען לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט. **דער רבוש"ע וויל רעדן ראש השנה, האַק אים נישט אַריין! לאָז אים רעדן!** שוויג נישט אַזוי ראש השנה און לאָז דעם באַשעפער זיין דער מלך! **אמרו לפני מלכיות!**

חסידים זענען געפאָרן צו צדיקים אויף ראש השנה, ווייל מען האָט אַזוי מורא געהאַט צו זיין אליינס ראש השנה, איז מען געפאָרן צום רבי'ן, דאָרט איז דער מענטש נישטאָ... ער פונקציאָנירט נישט אַלס אַ 'יש'. **ער שטייט אין אַ ווינקל פון דער שול און קיינער ווייסט אַז ער איז דאָ. ער איז אַ חלק פון דעם ציבור,** ער איז מיט'ן אויבערשטן אליינס.

קען אָבער זיין אַ מענטש וואָס פאָרט צום רבי'ן אָבער ער פירט די גאַנצע זאַך; ער שלעפּט טישן, ער פירט די ניגונים, ער טוט און מאַכט... **עס פעלט דאָך דער עיקר פון דער עבודת היום, זיך צו מבטל זיין און ממליך זיין דעם אויבערשטן.** פאַרוואָס ביזטו אַזוי פאַרנומען מיט דיינע פעאיגקייטן?! **דער אויבערשטער איז דאָך מלך!**

(הגם וואָס ווען עס פעלט זיך אויס דאַרף מען טאַקע טון די אַלע זאַכן, אָבער די מחשבה דארף בלייבן מיט אַ ישוב הדעת און אַן הכנעה).

## נישט פאַרלירן דעם ראש השנה צוליב נאַרישע דיבורים

דעריבער איז מען נזהר נישט צו רעדן קיין דברים בטלים ראש השנה, ווייל אַז מען רעדט דברים בטלים געדויערט נישט לאַנג ביז מען קומט צו אַזעלכע סאָרט זאַכן וואָס איז דער היפוך פון 'מלכות'. דער בעל תפלה האָט יאָ גוט געדאַוונט, נישט גוט געדאַוונט; ער האָט אַזוי געצויגן דאָס דאַווענען; די תקיעות איז נישט געווען גוט... וואָס זענען די אַלע דיבורים?! אָדער איז עס לשון הרע, אָדער איז מען מכבד אַ מענטש און מען האָט צוגענומען די מלכות פונעם אויבערשטן. שוין אָפּגערעדט אַז מען גייט זאָגן פאַר'ן בעל תפלה ווי מורא'דיג ער האָט געדאַוונט, האָט דער בעל תפלה שוין נישט קיין ראש השנה, ער האָט שוין נישט קיין געפיל פון 'מלכיות', ווייל ער טראַכט שוין וועגן זיך אַגאַנצע צייט.

אַ מענטש כאַפּט אפילו נישט וויפיל ער פאַרפאַסט פון דעם ראש השנה ווען ער איז פאַרנומען מיט זיינע זאַכן. **ווי זיס וואָלט געווען דער ראש השנה ווען מען לאָזט זיך פירן פון די מלכות השי"ת.**

דער בעל תפלה אליינס איז טאַקע איינגעשטעלט אַז ער זאָל חלילה נישט צוקומען צו מחשבות פון גאות און כוחי ועוצם ידי, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה **איינער דאַרף דאָך דאַווענען און בלאָזן שופר, דעריבער מוז איינער זיך מוסר נפש זיין...** און ער דאַרף טאַקע טון אַסאַך פּעולות זיך מכניע צו זיין, אַז ס'זאָל אים נישט שאָטן אַזוי שטאַרק. אָבער דו ביזט דאָך נישט דער בעל תפלה, פאַרוואָס זאָלסטו אַריינגיין אין דעם לאָך?! **טראַכט בלויז וועגן 'והי' ה' למלך על כל הארץ'!** טראַכט נישט אַזויפיל פון דעם מענטש און פון יענע מענטש! ס'איז דאָ איין באַשעפער וואָס פירט די וועלט! מיט די מחשבות וואָס אַ מענטש טראַכט דאָס גרויסקייט און שטאַרקייט פונעם אויבערשטן, איז ער דאָך מקיים דעם ראש השנה! ער איז מקיים דעם 'אמרו לפני מלכיות'!

אויף די אַלע משלים איז געזאָגט געוואָרן "תן לחכם ויחכם עוד". ס'איז בלויז אַ שליסל אַז דער מענטש זאל אָנהויבן באַמערקן און אָנהויבן טראַכטן איבער דעם מלכות פון דעם אויבערשטן **און נישט איבער זיין מלכות**, אַזוי קען מען מקיים זיין דעם 'אמרו לפני מלכיות', וואָס וועט העלפן אַז אַגאַנץ יאָר זאָל בעז"ה קענען זיין ריכטיג- 'כדי שתמליכוני עליכם'.

ג

# מדי דברו בו זכור אזכרנו עוד; 'זכרונות' וועקט אויף די אמת פון יעדע אידישע נשמה

## 'זכרונות' איז געמאַכט אַז מיר זאָלן זיך דערמאַנען די אהבה פון השי"ת צו אונז

ביי די פּסוקים פון 'מלכיות', ווען מען עפענט בלויז דעם סידור, זעט מען שוין גלייך אַז די סיבה פאַרוואָס מ'זאָגט מלכיות איז נישט ווייל מען וויל משכנע זיין דעם גוי'אישן שכן אַז דער אויבערשטער איז דער מלך... **דער תכלית פון די 'מלכיות' איז נישט וועגן 'יענעם' ס'איז וועגן 'זיך';** אַז דער איד זאל ממליך זיין דעם אויבערשטן. דערנאָך וועט שוין דער גוי במילא נאָכקומען, ווי מען זאָגט אין דער תפלה פון 'על כן נקוה'

אַז נאָכדעם וואָס דעם אויבערשטנס מלוכה וועט נתגלה ווערן דורך אידישע קינדער, וועט זיין 'יכירו וידעו כל יושבי תבל'. די גוים וועלן שוין קומען צולויפן און מכיר זיין די מלוכה.

די זעלבע זאַך איז ווען מען זאָגט 'זכרונות', דאַרף מען וויסן אַז מען זאָגט דאָס נישט פאר 'יענעם'. מיר דאַרפן גאָרנישט דערמאַנען פאַר'ן אויבערשטן חלילה, אין שכחה לפני כסא כבודו. **דער תכלית פון 'זכרונות' איז אַז 'מיר' זאָלן זיך דערמאַנען** די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אונז.

## ווען מיר דערמאַנען זיך די אהבת ה' לישראל וועקט דאָס אויף אַ פרישע אהבה

אַלע ספרים ברענגען, אַז ווען אַ איד דערמאַנט זיך די אהבה פון השי"ת צו אידישע קינדער, איז דאָס מעורר כביכול אַ געוואַלדיגע אהבה ביים אויבערשטן, אין דער בחינה פון 'ה' צלך', ווייל **ווען ס'איז דאָ אן 'אתערותא דלתתא' איז דאָ אן 'אתערותא דלעילא'!** ביי 'מלכיות' אַרבעט דאָס אַז ווען די ביזט ממליך דעם אויבערשטן וועסטו מעורר זיין אַז די מלכות וועט נתגלה ווערן אומעטום, און ביי 'זכרונות' אַרבעט דאָס אַז ווען דו וועסט זיך דערמאַנען די פּסוקים פון זכרונות ווערט נמשך אַ געוואַלדיגע אהבה פון הימל!

דער רבוש"ע זאָגט אונז: "אמרו לפני מלכיות, כדי שיעלה זכרוניכם לטובה", דהיינו אַז מיר זאָלן זאָגן די פּסוקים פון זכרונות און טראַכטן די מורא'דיגע מחשבות פון זכרונות, **דורכדעם וועט נתעורר ווערן די אהבה פון אויבן.**

## די יראת שמים וואָס מען באַקומט פון 'זכרונות'

מען הייבט אן די 'זכרונות' מיט דעם חלק פון פּחד: "**אתה זוכר את כל המפעל, הכל גלוי וידוע לפניך ואין שכחה לפני כסא כבודך**". ווען אַ מענטש זאל געדענקן די הייליגע ווערטער אַגאַנץ יאָר, וויפיל יראת שמים וואָלט ער באַקומען דערפון!

'זכרונות' איז געמאַכט געוואָרן צו אַריינלייגן ביי אונז די ידיעה אַז דער רבוש"ע געדענקט דיך מיט אַלע דיינע באַדערפענישן, און **וויפיל דו גייסט געדענקן דעם אויבערשטן אַזויפיל גייסטו צוריק באַקומען די השגחה פון אויבערשטן**, ווי מען פירט אויס "אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך". אַז **דער מענטש וועט לעבן מיט אַזאַ מחשבה אַז דער רבוש"ע קוקט זיך אייביג אום אויף אים, 'לפניך נגלו כל תעלומות', וועט אים אַלעמאָל זיין אַזוי גוט און זיס**, 'כי דורשיך לעולם לא יכשלו', די השגחה אויף די 'דורשי השם' איז אויף אַן אַנדערן אופן, 'ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך'.

## דער רבוש"ע האָט געדענקט נח ווייל ער האָט געדענקט דעם אויבערשטן

דערנאָך הייבן מיר אן האָבן ברענגען ביישפּילן אויף דעם כלל: די ערשטע זאַך דערמאַנט מען "וגם את נח באהבה זכרת". נח איז געווען א צדיק, נאָך איידער ס'איז געווען אידישע קינדער, און **ווייל ער האָט געדענקט דעם אויבערשטן, האָט אים דער אויבערשטער אויך געדענקט!** "ויזכור אלוקים את נח ואת כל החיה ואת כל הבהמה אשר אתו בתיבה". דאָס האָט געברענגט אַ געוואַלדיגע מדה פון רחמנות אויף דער וועלט, עס האָט ממתיק געווען די דינים פון דעם 'מבול'.

> ער האָט שוין גענומען ראש השנה אַ 'וואַקסין', וואָס גיט אים די שטאַרקייט צו האָבן די אמת'ע אמונה ווען ס'וועט אונטערקומען אַלע סאָרט מצבים!

עס האָט דעמאָלט געבוזשעוועט דינים אויף דער וועלט. דער 'מבול' איז נישט געקומען בחנם, נאר צוליב די מורא'דיגע עבירות, 'גילוי עריות' און 'גזל', ווי חז"ל זאָגן אַז דאָס האָט מעורר געווען די דינים פון דעם 'מבול'. היינט זענען ליידער פאַרהאַן די זעלבע זאַכן. דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט אַז עס וועט נישט זיין נאָכאַמאָל אַ 'מבול', אָבער די דינים זענען חלילה דאָ, ס'איז אַ גרויסע פּחד ווייל די זאַכן זענען מעורר דינים חלילה. **אָבער ווען אַ איד געדענקט דעם אויבערשטן, איז ער ממתיק אָט די דינים פון זיך!**

## זיך מקבל זיין עפּעס אַ קבלה צו ממשיך זיין די 'זכרונות' אויפ'ן יאָר

מ'דאַרף טאַקע טון פּעולות זיך צו דערמאַנען אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. דער מענטש זאָגט: "יאָ, איך געדענק". אָבער **וואָס גייסטו טון אַז אויך דעם קומענדיגן 'חודש חשון' זאָלסטו דאָס געדענקן?!** נאָך די ימים נוראים וועסטו דאך צוריקגיין צו דיין אַרבעט, צו דיינע נסיונות, צו דיין 'בין אדם לחבירו', און **ס'גייט קומען אַ 'טבת', אַ 'שבט' און דאָס יאָר וועט זיין צוויי אדר'ס...** ס'גייט זיין גאַנץ קאַלט די מצב מיט דיינע נסיונות. אפשר וועסטו האָבן נאָך גרעסערע נסיונות ווי פריער, וויאַזוי גייסטו דעמאָלט געדענקן דעם רבוש"ע?!

מען דאַרף דערויף טרעפן עצות. למשל זיי זיך מקבל צו זאָגן יעדן טאָג די 'אני מאמין'ס; זיי זיך מקבל יעדן טאָג צו אינזין האָבן אַ געוויסע שטיקל פון דאָס דאַווענען; מאַך זיך אַ קבלה וויאַזוי דו גייסט געדענקן דעם אויבערשטן. **דאָס איז אַ חלק פון 'זכרונות'!**

## כשוך חמת המלך; די המתקת הדינים וואָס קומט פון געדענקן השי"ת

דער אויבערשטער זאָגט אונז אַזוי: ראש השנה זאָלסטו זיך דערמאַנען פון מיר. ווייל אויב דו וועסט מיך געדענקן במשך דאָס גאַנצע יאָר, דעמאָלט אפילו ווען עס גייט בוזשעווען אַ מבול פון שווערע דינים, וועט זיין 'ויזכור אלקים את נח'! **איך גיי געדענקן דיך מיט דיין משפּחה, ווייל דו האסט געדענקט דעם אויבערשטן!** אין אַ צייט וואָס אַזויפיל מענטשן האָבן פאַרגעסן פון דעם רבוש"ע, האָסטו געהאַט יראת שמים! אין אַ צייט ווען אַזויפיל מענטשן זאָגן 'אַז יענער מעג דאָס טון מעג איך אויך', ביזטו געווען אַנדערש! **האסט מיך יאָ געדענקט!**

זאָגט דער אויבערשטער: "**איך וועל אים געדענקן, אפילו ווען ס'איז דאָ דינים**". ווי מ'דערמאַנט ביי 'זכרונות' דעם פּסוק פונעם מבול: "**ויעבר אלוקים רוח על הארץ וישוכו המים**" און **רש"י** זאגט אַז דאָס איז מלשון "**כשוך חמת המלך**"; צוליב נח האָט דער אויבערשטער ממתיק געווען די גרעסטע דינים!

הרה"ק רבי **איציקל סטיטשינער** זי"ע האָט מעיד געווען אַז ווען זיין פאָטער הרה"ק **רבי משה מראזוואדוב** זי"ע, (בן הרה"ק **רבי אליעזר מדזיקוב** זי"ע) האָט געזאָגט ראש השנה דעם פּסוק פון 'ויעבור אלקים רוח על הארץ וישוכו המים' האָבן "**די ענגלייכטער אין בית המדרש געציטערט**".

וואָס איז דער פּחד?! ווייל רש"י זאָגט אַז דאָס איז די זעלבע לשון פון "חמת המלך שככה"- דאָס הייסט אַז מען רעדט דאָ פון שווערע ביטערע דינים, מען רעדט פון אַ 'מבול לשחת כל בשר מפּני רוע מעלליהם', ס'איז נישט קיין פּשוט'ע מצב בכלל, אָבער **אפילו דעמאָלט, אויב אַ מענטש געדענקט דעם אויבערשטן וועט אים זיין גוט!** ווייל דער רבוש"ע וואַרט און ער איז משתוקק צו געדענקן פון אידישע קינדער!

דאָס איז קלאָרע ווערטער וואָס שטייט אין 'מלכיות זכרונות שופרות'! מען דאַרף נישט קיין ספרים צו וויסן די טייטש, ס'איז די גרינגסטע טייטש... **מאַך זיך אַ קבלה און ס'וועט אַרבעטן אַז דו זאָלסט געדענקן צו האָבן מער יראת שמים!** דעמאָלט וועט אויך דער אויבערשטער דיך געדענקן!

## די אור - אַלטע אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו יעדן איד

נאָכדעם הייבט מען אן דערמאַנען ביי די 'זכרונות' אַזעלכע וואַרימע פּסוקים; ווי שטאַרק דער רבוש"ע געדענקט אידישע קינדער און **וויפיל דער אויבערשטער וואַרט אַז אידן זאלן תשובה טון.**

מען דערמאַנט דעם 'ברית' וואָס דער רבוש"ע האָט געמאַכט מיט די אבות. **מיר כאַפּן נישט וויפיל הרגשים עס ליגט אין דעם ווען מען דערמאַנט דעם זכות אבות.** מיר שפּירן נישט מחובר דערמיט ווייל מיר האָבן דאָך נישט געקענט די אבות הקדושים.

אָבער מען קען זיך מאַכן אַ פּשוט'ע משל: ס'איז דאָ אַמאָל אַ בחור אין ישיבה וואָס זעט אַז

איינער אין ביהמ"ד איז זייער וואַרעם צו אים, ער דאגה'ט אַלעמאָל פאַר אים, ער לאַדנט אים צו קומען עסן די סעודות ביי אים. וואָס האָט דער מענטש מיט יענעם בחור? דער תירוץ איז אַז ער איז זייער נאָנט מיט דעם בחור'ס טאַטע; אָדער איז ער געווען גאָר אַ גוטער ידיד מיט דעם בחור'ס זיידע; יעצט ווען ער זעט דעם בחור וועקט דאָס אים אויף די גרויסע אהבה, אַזוי ווייט אַז ער וויל אים נאר העלפן און מאַכן שפּירן גוט.

אַמאָל איז דאָ אַ אינגערמאַן וואָס האָט חתונה געהאַט אין אַן אַנדערע שטאָט, און דאָרט איז דאָ אַ מיטליעריגער איד וואָס גיט אים אייביג אַזאַ ווארימער 'גוט שבת' מיט אַ שמייכל. דער אינגערמאַן פאַרשטייט נישט וואָס ליגט אונטער דעם שמייכל. דו קענסט טאַקע נישט דעם איד, אָבער ער קען דיך יאָ, ווייל דו ביזט געוואָרן אַן איידעם ביי זיין בעסטער ידיד. ער שפּירט מחובר אפילו צו דיר. ווען ער איז געקומען צו דיין חתונה האָט ער געטאַנצן מיט אַזאַ ווארימקייט, אַ קליינִיגקייט? זיין נאָנטסטער חבר מאַכט חתונה! טראָצדעם וואָס דו האסט נישט געהאַט קיין הרגש כלפּי יענעם, איינער האָט דיך געוויזן אַז דער איד מיט'ן באָרד איז אַ חבר מיט דיין שווער, נו בסדר... אָבער ער האָט יאָ אַ געוואַלדיגע אהבה צו דיר, ווייל דו ביזט אַן איידעם ביי זיין באַליבטן ידיד.

דער רבוש"ע דערמאַנט פאַר אידישע קינדער: דו ביזט יעצט געבוירן געוואָרן, ביזט אונטערגעקומען אַזוי שפּעטער, און דו דרייסט זיך אַרום מיט דיינע נסיונות, ווילסט האָבן אַ גוט יאָר, אָבער **דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט דיך ליב און ווי שטאַרק ער ווארט אַז דו זאָלסט קומען צו אים!** דאָ ליגט אַ טיפע גאָלדענע היסטאָריע! **דו ביזט נישט נאָך עפּעס אַ מענטש וואָס דאַרף אַ גוט יאָר, דו ביזט אַ חלק פון אַ גאָר הייליגע משפּחה!** דו ביזט אַן אייניקל, מזרע אברהם יצחק ויעקב! דו ביזט אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן און ווען דו רעדסט וויל דער אויבערשטער הערן וואָס דו ווילסט! וישמע אלקים את נאקתם!

## די עומק האהבה וואָס ליגט אין דעם 'זכרון' פון דעם ברית מיט די אבות הק'

מען דערמאַנט אַזויפיל מאָל אין די הייליגע טעג די 'כריתת ברית' וואָס דער אויבערשטער האָט כורת געווען מיט אברהם יצחק ויעקב, וואָס איז די פּירוש המילות דערפון?! אַז דער רבוש"ע, וואָס פאַרגעסט קיינמאָל גאָרנישט, זאָגט: **איך האָב אַזאַ אהבה צו די הייליגע אבות, אַז איך האָב כורת ברית געווען קיינמאָל נישט צו פאַרלאָזן זייערע קינדער!** דו ביזט נישט קיין נייע זאַך, מיט דיינע פּראָבלעמען און דיינע שוועריגקייטן, דו ביזט איינער וואָס דער רבוש"ע האָט שוין גערעדט וועגן דיר, שוין לאַנג צוריק!

דער באַשעפער וואָס ווייסט אַלעס וואָס גייט זיין אין אַלע דורות, דער רבוש"ע וואָס איז 'יודע עתידות', האָט געוואוסט פון דיר, בשעת ער האָט כורת ברית געווען מיט די אבות הק'! **ער האָט געוואוסט פון דיך מיט דיין גאַנצע מצב, און ער האָט צוגעזאָגט אַז "איך גיי אים נישט פאַרלאָזן"!**

מיר דאַרפן עפּענען דעם מח צו טראַכטן די פּשוט'ע טייטש, **צו פאַרשטיין וואָס פאַראַ הייליגע ווערטער מען זאָגט ביי די 'זכרונות'!**

דאָס איז אַזוי אַנדערש ווי ווי צוויי מענטשן וואָס זענען כורת ברית איינער מיט'ן אַנדערן. היינט איז בכלל נישטאָ אַזאַ סאָרט מושג פון 'כריתת ברית'. אָבער אפילו ווען ס'איז יאָ געווען, האָבן די צוויי מענטשן געמאַכט אַ ברית און זיי האָבן נישט געוואוסט ווער עס גייט זיין זייערע קינדער און אייניקלעך, דאָס איז געווען אַ 'דבר שלא בא לעולם'. אָבער טראָצדעם האָבן זיי געשפּירט אַזאַ אהבה צו די קינדער, ווי מען האָט דערמאַנט דעם משל פון אַ מענטש וואָס וויל מטיב זיין פאַר דעם איידעם אָדער דעם אייניקל פון זיין ידיד, אפילו ער האָט בכלל נישט געוואוסט ווער עס גייט זיין דער איידעם אָדער דער אייניקל, דאָך שפּירט ער אַ הרגש פון קשר און אהבה.

ביים רבוש"ע איז דאך אָבער אינגאַנצן אַנדערש; ווען ער האָט כורת ברית געווען מיט די הייליגע אבות האָט ער פּונקטליך געוואוסט יעדע נפש און יעדע נשמה פון יעדן איד, מיט זיין גאַנצע מציאות אַרום און אַרום. **דער ברית מיט די אבות הק' איז געווען אויך פאר דיך! מען האָט דיך געמיינט!**

## יעדער איד איז אַ געצערטלטער 'בן יקיר לי אפרים'

מ'זעט אַמאָל אַ בחור וואָס איז געבוירן געוואָרן צו זיינע עלטערן אַכצן יאָר נאָך דער חתונה. מען רעדט צו אים אַנדערש, מען גיט זיך אָפּ מיט אים אויף אַ גאָלדענעם טאַץ, עד כדי כך אַז ער שפּירט זיך נישט באַקוועם, ער וויל זיין ווי יעדן איינעם... אַמאָל איז דאָ אַ רבי"ש קינד וואָס זאָגט 'הלואי קען איך זיין נאָרמאַל צווישן אַלע, וואָס קוקט מיך יעדער אָן'... **יעדער איד דארף וויסן אַז ער איז דאָס קינד! דו ביזט דער אויסגעקליבענער מיוחס'דיגער קינד וואָס דער רבוש"ע האָט צו דיר אַזאַ טיפע אהבה!** אַזוי זאָגט מען אין די פּסוקים פון זכרונות "הבן יקיר לי אפרים עם ילד שעשועים". **דו ביזט דאָס קינד פון וועמען מען האָט גערעדט! מען האָט געוואַרט אויף דיר!** דער רבוש"ע וויל אַז דו זאָלסט דאָס דערמאַנען כדי דו זאָלסט דאָס גוט געדענקן!

דו ביזט דאך אַ 'בן מלך', ס'איז ממש אַ שאָד אַז דו זאָלסט נישט וויסן ווער דו ביזט! דאָס איז מען

> **אפשר ווֶעסטו האָבן נאָך גרֶעסערֶע נסיונות ווי פריער, וויאַזוי גייסטו דֶעמאָלט געדענקֶן דעם רבוש"ע?!**

מעורר ביי די זכרונות, אַז מיר זענען 'בני אברהם יצחק ויעקב' און **וויפיל 'אהבה' דער רבוש"ע האָט צו זיי און צו דיר!** ווען מען זאָגט: "כה אמר ה' זכרתי לך חסד נעוריך", **קומסטו אַריין אין בילד!** דער רבוש"ע וויל אַז דו זאָלסט דאָס גוט געדענקן און זאָלסט נישט פאַרפּאַטשקענען די גאָלדענע הייליגע קייט פון די אבות הק'.

## זכרתי לך חסד נעוריך; די שוועריגקייטן ווען מען האָט אָנגעהויבן דינען השי"ת

עס שטייט פון צדיקים, הרה"ק **מלעכוויטש** זי"ע און הרה"ק רבי **מענדל מרימנוב** זי"ע, אויף דעם וואָס מ'זאָגט דעם פּסוק "**זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך**", אַז אויסער דעם פּשוט'ן טייטש, וואָס די מפרשי המקרא זענען מפרש אַז דער אויבערשטער דערמאַנט זיך פון דעם דור המדבר וואָס איז געגאַנגען "אחרי במדבר בארץ לא זרועה", זאָגן די צדיקים אַז דאָס האָט נאָך אַ פּשט; דער אויבערשטער זאָגט פאר יעדן איד: **"איך געדענק די שוועריגקייט וואָס דו האסט געהאַט ווען דו האסט אָנגעהויבן צוריק קומען צו מיר!"**

יעדער מענטש, ווען ער ווערט אַביסל עלטער, האָט ער זאַכן וואָס ס'קומט אים אן גרינגער, **אָבער ווען ער איז געווען יונג איז אים דאָס געווען זייער שווער.** איינס פון די קליינע דוגמאות איז דער נסיון פון 'כעס'. ווען ער איז געווען יונג פלעגט ער זיך ממש פאַרלירן, היינט ווען ער איז שוין אַביסל עלטער האָט ער שוין מער 'ישוב הדעת' און ער קען זיך שוין מער איינהאַלטן. אַזוי איז עס מיט אַסאַך סאָרט נסיונות.

יעדן ראש השנה געדענקט דער אויבערשטער די אַלע שוועריגקייטן וואָס דער מענטש האָט געהאַט יונגערהייט, ווען ער האָט געדאַרפט אַרבעטן זיך צו מתגבר זיין. **דער רבוש"ע געדענקט דעם 'לכתך אחרי במדבר', ווען ס'איז דיך געווען אַזוי שווער זיך צו לערנען;** האסט נישט געוואוסט וואָס הייסט אַ גמרא, וואָס הייסט אַ תוספות, און האסט זיך פּרובירט צו איינגעוואוינען. **יעצט איז דיך גרינג צו לערנען מיט אַ חברותא געשמאַקערהייט, אָבער אין אָנהויב איז עס געווען ביטער שווער. דער אויבערשטער געדענקט דאָס און ער נעמט עס אין חשבון!** ער וויל דו זאָלסט וויסן ווי שטאַרק ער האָט דיך ליב ער געדענקט עס און אַז ער גייט דיך געבן אַזויפיל סייעתא דשמיא דערפאַר!

## זיבעציג יאָר שפּעטער דערמאַנט זיך השי"ת פון דיין התגברות היצר

אין דאָס וואָרט פון די צדיקים ליגט דאך אַזויפיל ליכטיגקייט! לאָמיר זיך פארשטעלן אַ מענטש וואָס האַלט נאָך בעפאָר, ער דאַרף זיך נאָך ברעכן זיינע שוועריגקייטן. ער דאַרף אָנהויבן אָנהויבן לערנען אַביסל ערנסטער, זיין קביעת עתים זאל ווערן שטאַרקער. ס'איז אים זייער שווער, ער דאַרף משנה זיין די אַלטע הרגלים, די מח פליעט אים נאָך אויף אַלע זייטן, ער צווינגט זיך צו זיצן נאָך אַביסל ביי דער גמרא, ווייל ער קוקט אויפ'ן זייגער און ער זאָגט: "איך האָב נאָכנישט געענדיגט מיין קביעות'דיגע זמן,

> **דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט דיך ליב און ווי שטאַרק ער ווארט אַז דו זאָלסט קומען צו אים!**

לאָמיר לערנען נאָך אַ שטיקל גמרא"...

זאָל דער איד וויסן אַז די אַלע אידן וואָס האָבן זיך שוין יאָ צוגעוואוינט, היינט קענען זיי לערנען מיט אַ געשמאַק, אָבער ווען זיי האָבן אָנגעהויבן איז זיי עס געווען שווער, **געדענקט זיי דער אויבערשטער אַגאַנץ לעבן - יעדן ראש השנה, אפילו ווען זיי זענען שוין זעכציג זיבעציג יאָר - אַז ווען זיי זענען געווען יונג און זיי האָבן געהאַט אַ שווערע יצר הרע האָבן זיי זיך געבראָכן און פּרובירט צו לערנען נאָך אַביסל!**

דער אויבערשטער געדענקט ווען זיי האָבן זיך געמוטשעט צו אויפשטיין אינדערפרי! יעצט אויף די עלטערע יאָרן זענען זיי שוין אַוועקגעשטעלט, זיי שטייען אויף יעדן טאָג פינף- זעקס פאַרטאָגס און האָבן שוין נישט קיין נסיונות דערפון. אָבער דער אויבערשטער דערמאַנט יעדן ראש השנה אַז ווען דער איד איז געווען יונג איז ער אויפגעשטאַנען שפּעט און ס'האָט אים אַזוי ווי געטון, ער האָט אָנגעשטעלט אַ זייגער, זיך געמאַכט קנסות און געטון אַלע סאָרט טאַקטיקן ביז ער האָט עס דורכגעבראָכן. **דער אויבערשטער געדענקט דאָס אַגאַנץ לעבן!**

אויך דו, ווען דו שטייסט יעצט אין אָנהויב פון דיין עבודה, **זאָלסטו וויסן אַז אויב דו גייסט טאַקע זיך מקבל זיין אַן ערנסטע קבלה און דו גייסט פּרובירן צו אָנגיין, גייט דער אויבערשטער דאָס געדענקן יעדן ראש השנה פאר אייביג!** דער רבוש"ע גייט דיך זאָגן יעדן ראש השנה: "איך געדענק נאָך ווען דו האסט לוחם געווען מיט דיין יצר הרע, און ווייל דו האסט מיך דעמאָלט געדענקט גיי איך דיך שטענדיג געדענקן און איך גיי דיך העלפן ווייטער צו גיין צו די קומענדיגע מדריגות".

דאָס איז טייטש **'השם צלך'**, ווען אַ איד קוקט אַרויס און געדענקט דעם אויבערשטן, **'עיני כל אליך ישברו'**, דעמאָלט וועט דער אויבערשטער קוקן און געדענקן פון אים, **"עין ה' אל יראיו למיחלים לחסדו"**. אין די אַלע פּסוקים פון אהבה זאָגט דער אויבערשטער פאַר'ן מענטש אַז אויב דו גייסט געדענקן השי"ת גייט ער דיך העלפן, אויב דו וועסט עס טאַקע מיינען מיט אן ערנסטקייט.

## מקיים געווען דעם 'זכרונות' ביי דער ברכה פון 'אוהב עמו ישראל'...

מען פאַרציילט אַז הרה"ק דער **רייי"ץ פון ליובאַוויטש** זצ"ל האָט זייער מאריך געווען ביי די תפלת מעריב פון ליל ראש השנה. דער ציבור האָט שוין געהאַט געענדיגט דאַווענען און אַהיימגעגאַנגען אָבער ער איז נאָך געשטאַנען פאר פיר שעה און געדאַוונט מיט אַ געוואַלדיגע פייער. אַמאָל ווען מען איז צוריקגעקומען נאָך די סעודה האָט מען געהערט וואו ער איז מאריך ביי די ווערטער פון **'אוהב עמו ישראל'**.

**דער צדיק האָט שוין מקיים געווען דעם 'זכרונות' ביי דער ברכה נאָך בעפאָר קריאת שמע פון ליל ראש השנה!** אַגאַנץ ראש השנה איז דאך אונזער עבודה זיך צו חזר'ן במחשבה אָט די יסודות. האָב נישט אַזוי מורא צו תשובה טון און טויש דיינע הרגלים! **דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וויפיל סייעתא דשמיא דו גייסט האָבן**, אויב דו וועסט בלויז אָנהויבן מיט דעם ערשטן חלק און זיך האַלטן דערצו!

## דער רבוש"ע איז מוחל די עבירות ווייל ער וויל מיר זאָלן האָבן אַ ליכטיגן ראש השנה

לאָמיר נאר ענדיגן דעם ענין פון 'זכרונות', מיט אַ מורא'דיגע שטיקל פון דעם ספה"ק **'בת עין'**, וואָס לערנט אונז ווי גרויס איז די אהבה פון דעם רבוש"ע צו אידן און וויפיל סייעתא דשמיא גיט ער פאר אַ איד וואָס וויל זיך נעמען צום תשובה טון.

דער **בת עין** ברענגט דעם מדרש אַז 'ערב ראש השנה' איז דער אויבערשטער מוותר פאר אידן אַ דריטל פון די עבירות, 'עשרת ימי תשובה' איז ער מוחל אויף נאָך אַ דריטל און 'הושענא רבא' איז ער מוותר אויף די דריטע דריטל. פרעגט דער בת עין וואָס איז פּשט דערפון און וויאַזוי קען זיין אַז ערב ראש השנה איז גלייך צו די עשרת ימי תשובה און הושענא רבא.

נאר, זאָגט דער בת עין, אַז די דריי דריטלעך גייט אַרויף אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן: **"מיעוטן בעריות ורובם בגזל וכולם בלשון הרע"**. רוב מענטשן ווערן ליידער נכשל מיט די דריי עבירות פון 'עריות', 'גזל' און 'לשון הרע'. דאָס איז מרומז אין דעם וואָרט 'עג"ל לחטאת', ראשי תיבות ע'ריות, ג'זל, ל'שון הרע.

ווען עס קומט ערב ראש השנה איז דער רבוש"ע מוותר אויף דעם דריטל פון 'עריות', וואָס איז די קלענסטע דריטל, ווייל ער איז אַ 'חפץ חסד הוא'. דער אויבערשטער וויל באַנייען אַ נייע וועלט און דאָס קען מען נישט מאַכן נאר אויב מען וועט מתקן זיין צוערשט דער חטא פון 'עריות', וואָס דאָס איז דער שורש פון דעם עץ הדעת. **וויבאַלד דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן קענען גוט דאַווענען ראש השנה איז ער אונז מוחל דעם חטא פון עריות נאָך איידער ראש השנה!**

וויפיל אהבה ליגט דאָ! דער רבוש"ע וויל אונזער טובה און ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע טובה ווי אַ מענטש וואָס ווערט נאָענט צום אויבערשטן! אַלעס אַנדערש איז דאך שטותים מיט נאַרישקייטן. **דערפאַר טוט דער רבוש"ע וויפיל ס'איז שייך אַז דער מענטש זאָל קענען אָנקומען צו עבודת ה'.** דער רבוש"ע זאָגט: דאָ איז דאך געווען זאַכן פון עריות וואָס האָבן נישט געטויגט, דער איד וועט נישט קענען אַזוי דאַווענען ראש השנה, **קום לאָמיר דאָס אויסמעקן כדי ער זאָל קענען האָבן אַ גוטע 'ראש השנה', כדי ער זאָל קענען האָבן אַ גוטע 'עשרת ימי תשובה'**, אַזוי אַז דערנאָך וועט מען אים קענען מוחל זיין אויך די אַנדערע זאַכן פון גזל און לשון הרע!

אַזויפיל סייעתא דשמיא ברענגט דער אויבערשטער אויפ'ן מענטש **כדי ער זאָל קענען מצליח זיין צו האָבן אַ לעכטיגן ראש השנה!** אַ איד דאַרף זיך נאר צוגרייטן צו די עבודה פון 'זכרונות', ווייל **כדי צו קענען טראַכטן ריכטיג ראש השנה דאַרף מען שוין עטליכע טעג בעפאָר אָנהויבן טראַכטן און צוגעוואוינען דעם מח מיט די הייליגע מחשבות.** דעמאָלט וועט השי"ת אונז העלפן צו קענען האָבן אַ בעסערע ראש השנה און אַ זיסע ליכטיגע יאָר.

### ◄ אותיות מחכימות ►

ספה"ק "בת עין"

אמרו חז"ל בערב ראש השנה הקב"ה מוותר לישראל שליש עוונות, ובעשרת ימי תשובה שליש, ובהושענא רבא שליש ע"כ. והכל מקשים על זה אם כן שוה ערב ראש השנה לעשרת ימי תשובה ולהושענא רבא. ונראה לי על דרך מה שאמרו חז"ל מיעוטן בעריות ורובם בגזל וכולם בלשון הרע, וזהו מרומז במלת עג"ל לחטאת, ראשי תיבות ע'ריות ג'זל ל'שון הרע, ואותו שליש המיעוט שנכשלו בעריות הקב"ה מוותר בערב ראש השנה ברוב חסדו כי חפץ חסד הוא, והטעם כי רוצה לחדש בנין העולם בבחינת תיקון, וזהו אי אפשר אלא על ידי שיתוקן בתחלה חטא עריות כידוע שפגם אדם הראשון היה ע"י עריות זוהמת הנחש, ונעשה מן או"ר בא' עו"ר בע', כי ע' מרמזת לעריות כנ"ל, וכשמחל לו הקב"ה על אותו עון, נעשה מן עו"ר בעין או"ר בא', ועל כן בכל שנה ושנה הקב"ה כי חפץ חסד הוא ורוצה לחדש בנין העולם, מוחל תחילה על חטא עריות וינטל ממנו הע"ין בחינת חושך ונעשה או"ר באלף בחינת או"ר ויהי או"ר, ואח"כ מחדש השנה ומתקן העולם.

ובעשרת ימי תשובה מוותר על השליש של גזל שנכשלו בו רובן. ובהושענא רבא על השליש הגדול של לשון הרע שנכשלו בו כולם. ובזמן שבית המקדש היה קיים נמחלים כל העוונות על ידי השעיר ונמחל גם החטא לשון הרע, ועל כן נתהפך הלשון של זהורית ללבן שמרמז על תיקון ברית הלשון ונכתבים לחיים טובים ולשלום אמן. עכ"ל.

# שופרות

## בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך;

'שופרות' איז מגלה די פנימיות פון דער נשמה

יום שני פרשת וילך, כ"ט אלול תשפ"א לפ"ק

א

# עלה אלקים בתרועה ה' בקול שופר; דער כח פון 'שופרות' אַנטפּלעקט די קדושה פון אַ איד

### ובמה בשופר; דער כח פון שופר איז מגלה דעם 'מלכיות' און 'זכרונות'

ביי דער גמרא פון 'מלכיות זכרונות שופרות' זאָגן חז"ל אין **מסכת ראש השנה** (טז, א): "**אמר הקב"ה, אמרו לפני בראש השנה מלכיות זכרונות ושופרות. מלכיות - כדי שתמליכוני עליכם, זכרונות - כדי שיעלה זכרוניכם לפני לטובה, ובמה - בשופר.**"

דער אויספיר פון דער גמרא איז נישט 'אמרו לפני שופרות', נאר 'ובמה בשופר', וואָס מען זעט דערפון אַז **דער 'שופר' האָט עפּעס אַ באַזונדערן כח צו 'אַרויסברענגען' דעם ענין פון 'מלכיות' און 'זכרונות'**. דאָס ענין פון דעם שופר איז אַ געוויסער כחאַרויסצונעמען זאַכן וואָס ליגן טיף באַהאַלטן און דאָס מגלה זיין אינדרויסן.

### די חשיבות ווען מען איז מגלה באַהאַלטענע זאַכן

אין דער וועלט איז דאָ זייער אַסאַך זאַכן וואָס געפינען זיך דאָהי במציאות, אָבער זיי זענען באַהאַלטן, זיי זענען אַרומגענומען מיט כיסויים, און מען דאַרף אַסאַך אַרבעטן דאָס אַרויסצונעמען. געווענליך ברויך מען דערפאַר האָבן ספּעציעלע כוחות, און אַסאַך מאָל אויך ספּעציעלע כלים, כדי צו קענען אַנטדעקן די באַהאַלטענע זאַך. צום ביישפּיל, גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער, וואָס מענטשן אַרבעטן מיט אַ מורא'דיגע טרחא דאָס צו אויפגראָבן פון טיפע בערג און טאָלן, און דערנאָך דאַרף מען דאָס אָפּרייבן, שווענקן און אויסשלייפן, ביז עס קומט אַרויס געהעריג די ווערטפולע זאַך וואָס ליגט אינעווייניג.

דער **אור החיים הק'** אין פּרשת בא שרייבט שוין אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי אויסגעשטעלט די בריאה כדי מיר זאָלן פאַרשטיין אַז **די גאַנצע וועלט אַרבעט אויף דעם אופן**. למשל, ווען איינער באַמערקט אַ געוויסע פּלאַץ, וואָס דער שטח האָט אַ גרוואַלדיגע פּאָטענציאַל, ווייל ס'איז נעבן אַ ישיבה אָדער אַ בית המדרש וכדומה, און אויב מען וועט דאָרט בויען דירות וועט דאָס שטאַרק מצליח זיין. דער מענטש ברענגט עס דערנאָך אַרויס 'מכח אל הפועל', ער בויעט דאָרט אַ נייע שכונה, האָט ער יעצט מגלה געווען אַ באַהאַלטענע זאַך וואָס מען האָט נישט אַנטדעקט ביז יעצט.

### דאָס חשיבות פון מגלה זיין די כוחות פון אַ מענטש

דאָס זעלבע איז דאָ ביים מענטש אליינס; ס'איז פאַרהאַן אַזויפיל שטאַרקע כוחות און טאַלאַנטן וואָס ליגט טיף באַהאַלטן ביי מענטשן און מען דאַרף אַרבעטן אַז דאָס זאָל אַרויסקומען אינדרויסן. **ווען עס קומט אַ 'רַב' און שלעפּט אַרויס די באַהאַלטענע כוחות פון אַ 'תלמיד' איז דאָס אַ מורא'דיגער תיקון פאר דער בריאה!**

עס מאַכט זיך אַסאַך מאָל אַ קינד וואָס נישט אַלעמאָל באַמערקט מען אויף אים זיינע כוחות, ער קוקט אויס פּונקט ווי אַנדערע, אָבער ס'איז דאָ איין מלמד אָדער איין מגיד שיעור וואָס כאַפּט אַז דאָס קינד האָט אַ געוואַלדיגע פּאָטענציאַל און ער אַרבעט שווער צו אַרויסברענגען די כוחות פון דעם קינד, ער באַגלייט אים און העלפט אים, ביז עס וואַקסט טאַקע אַרויס אַ הערליכער בלום, לתפארת המשפחה ולתפארת כלל ישראל.

ס'איז נישט גענוג בלויז אַז דער מענטש האָט אינערליכע כוחות, נאר **מען דאַרף האָבן אַסאַך סבלנות און מ'דאַרף אַריינלייגן אַסאַך עבודת פרך, כדי צו מגלה זיין די כוחות;** דאָס אָפּרייניגן און גלאַנצן, **דאַן באַקומט מען די געוואַלדיגע 'תוצאות' וואָס איז מורא'דיג אין דער וועלט!**

### די 'תיקון העולם' וואָס פּאַסירט דורך מגלה זיין די באַהאַלטענע זאַכן

די סיבה פאַרוואָס ס'איז טאַקע אַזוי, האָט צוטון מיט דעם חטא פון אדם הראשון. דעמאָלט איז געוואָרן אַן 'עירוב טוב ורע'. בעפאָר דעם 'חטא עץ הדעת' האָט מען נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק אַרבעטן צו אַראָפּנעמען 'קליפות' פון יעדע זאַך. ס'איז געוואַקסן תבואה אָן דעם וואָס מ'זאָל עס דאַרפן באַאַרבעטן. שפּעטער איז געוואָרן די מציאות אַז **יעדע זאַך איז אַרומגענומען מיט אַזויפיל 'כיסויים' און 'קליפות' און מען דאַרף מגלה זיין די באַהאַלטענע אינערליכע זאַך.** דאָס איז אונזער עבודה צו מתקן זיין דעם חטא פון אדם הראשון, און **דער 'תיקון העולם' ווערט אַזוי געמאַכט.**

ווען אַ מענטש גראָבט אַרויס אַ דימאַנט פון דער ערד, כאַפּט ער נישט אַז ער האָט יעצט געמאַכט אַ תיקון פאר דער וועלט. ער טראַכט אַז ער איז אַ מוצלח; ער האָט געמאַכט אַסאַך געלט; ער האָט געטראָפן אַן אוצר וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט דערפון. אָבער **בשורש הדברים, איז דאָס 'תיקון העולם'!** ווייל באמת קומט עס נישט אַזוי אַז דער 'טוב' זאָל זיין באַהאַלטן, די סיבה פאַרוואָס ס'איז אַזוי באַהאַלטן איז צוליב דעם חטא פון 'אדם הראשון', דעריבער ווען מען איז דאָס מתקן, מען נעמט אַרויס גוטע זאַכן 'מן הנעלם אל הגלוי' איז דאָס אַ תיקון פאר דער וועלט!

און ווי געזאָגט, איז דאָס אַקטועל נישט בלויז ווען מען גראָבט אַרויס דימאַנטן אָדער נאַפט פון דער ערד. נאר אויך ווען מען לערנט מיט אַ תלמיד. צום ביישפּיל, ווען אַ אינגערמאַן לערנט מיט אַ בחור'ל אָדער מיט אַ קינד, וויל ער בדרך כלל אַז דאָס קינד זאל שטאַרק מצליח זיין, **ער טראַכט אָבער נישט אַז ער טוט יעצט אין 'תיקון העולם'!**

לאָמיר שוין זאָגן אַז ער טראַכט נישט פון פּרנסה, אַז אויב דאָס קינד וועט מצליח זיין וועט ער מאַכן מער געלט ווייל נאָך מענטשן וועלן שיקן צו אים, אָבער אפילו ווען נישט, איז זיין מחשבה געווענליך: "דאָס איז מיין אַרבעט, אַז דאָס קינד זאל פאַרשטיין בעסער אַ שטיקל גמרא, אַ שטיקל תוספות". **ער פאַרשטייט נישט אַז דאָ רעדט מען פון אַסאַך אַ גרעסערע זאַך, מען רעדט דאָ פון די גאַנצע 'תכלית הבריאה', אַז די באַהאַלטענע טוב זאל אַרויסקומען און די אַרומיגע 'כיסויים' זאלן בטל ווערן**, וואָס דעמאָלט וועט די וועלט אויסקוקן ווי עס דאַרף אויסקוקן.

דאָס איז פּונקט ווי אַ קינד וואָס האָט אַ שווערערע נאַטור, ער ווילדעוועט אַרום און צעברעכט זאַכן, פאַרשטייט יעדער אַז באמת האָט ער גוטע באַהאַלטענע כוחות בפנימיות, נאָר **ער איז נאָך אַ קינד און ער איז זייער ווילד, דאָס איז אָבער בלויז זיין 'חיצוניות'**. ווען ער וועט אַביסל אויפוואַקסן און מען וועט אים ריכטיג מחנך זיין, וועט אַרויסקומען זיין אינערליכע 'פּנימיות'. און דעמאָלט, ווען די אַרומיגע 'כיסויים' פון דאָס קינד וועט אַראָפּקומען, **וועט די וועלט ווערן מער מתוקן.** ווייל דאָס קינד איז דאָך נישט משוגע, ער האָט אַ גוטע פּנימיות, און ווען די פּנימיות וועט אַרויסקומען וועט ער אַסאַך אויפטון פאר דער וועלט.

# ה' אמר אלי בני אתה; דער שופר דערציילט אונז אַז יעדער איד איז אַ 'בן מלך'

## ווען א איד וואָלט געוואוסט זיין גרויסקייט וואָלט ער זיך אַנדערש געפירט

אָט דער יסוד שטייט אין אַלע הייליגע ספרים, אַז דאָס איז די תפקיד פון אַ איד אַגאַנץ לעבן- **צו מגלה זיין און אויפדעקן זיין פּנימיות!**

דאָס איז אויך דער כח פון דעם 'שופר': **דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן די מצוה כדי אַז ווען מען בלאָזט שופר זאל דאָס אַרויסברענגען אונזער אמת'ע פּנימיות!** ווען מען רעדט פון 'פּנימיות', רעדט מען נישט פון 'טאַלאַנטן' אָדער 'כשרונות', מען רעדט פון די אמת'ע פּנימיות וואָס יעדער איד האָט באַהאַלטן אין זיין נשמה, **דאָס דביקות אין השי"ת, וואָס דאָס איז דאך די מציאות פון יעדע נשמה!** אַ אידישע נשמה איז אַזוי הייליג און הויעך אַז מיר קענען דאָס ניטאַמאָל משיג זיין.

אַ מענטש טראַכט: "כ'וועל כאַפּן נאָך אַ מצוה, כ'וועל לערנען נאָך אַביסל" און ביי דעם ענדיגט זיך עס. דאָס איז ווייל אונזער בליק אויף די נשמה איז זייער קינדעריש. **באמת איז דאך די נשמה פון יעדן איד 'חצובה מתחת כסא הכבוד', יעדע איינציגע נשמה איז דאך אַזוי הייליג! מיר קענען נישט פארשטעלן די קדושה פון אונזער נשמה!** ס'איז נאָר באַהאַלטן מיט אַזויפיל 'כיסויים על גבי כיסויים', אַזוי ווייט אַז אפילו ווען דער מענטש לערנט, געדענקט ער נישט ווי גרויס זיין נשמה איז.

ווען אַ מענטש וואָלט אַביסל מיטגעהאַלטן די קדושה פון זיין נשמה, וואָלט אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו לערנען שלא לשמה, ווער רעדט וועגן לערנען 'לקנתר', נאר אפילו צו לערנען 'על מנת להיקרא רב' וכדומה, **וואָלט אים ניטאַמאָל געווען אַ נסיון.** ווייל אַז זיין הייליגע נשמה לערנט יעצט גמרא, וויאַזוי קען ער אפילו טראַכטן אַזעלכע מחשבות?! די סיבה פאַרוואָס עס קומט אונז אַריין די מחשבות ביי אַ מצוה, אַז מיר זאָלן עס נישט טון פאַר'ן איבערשטנס וועגן, איז **ווייל דער מענטש געדענקט נישט "ווער בין איך"**. ער האָט נישט קיין מושג ווי גרויס זיין נשמה איז און פון וואָס פאַראַ הייליגע פלאַץ עס קומט, דערפאַר קען ער נכשל ווערן מיט עבירות חלילה.

## די גרעסטע יצר הרע; פאַרגעסן אַז מען איז אַ 'בן מלך'

דער יסוד שטייט שוין פון הרה"ק רבי **שלמה קאַרלינער** זי"ע וואָס האָט געזאָגט: **"דער גרעסטער יצר הרע איז אַז דער מענטש פאַרגעסט אַז ער איז אַ בן מלך"!**

מיר דאַרפן דערהערן די טיפקייט פון דאָס הייליג וואָרט. **ווען אַ מענטש וואָלט באמת דערהערט ווי הויך זיין נשמה איז וואָלט ער בכלל נישט געהאַט קיין נסיון צו טון אן עבירה!** מען דאַרף דאָס נאָכאַמאָל איבערזאָגן: ווען אַ מענטש וואָלט דערהערט ווי הייליג זיין נשמה איז, און ווי נאָנט ער איז מיט'ן רבוש"ע, **וואָלט ער זיך אפילו נישט געדאַרפט מתגבר זיין אויף זיין יצר הרע, ס'וואָלט בכלל נישט געווען שייך אַז ער זאָל האָבן אַ נסיון!** ער וואלט עס אָנגעקוקט אַז דאָס האָט דאָך נישט קיין שום פשט און קיין שום טעם. ווער קומט אים מציע זיין אַזאַ נאַרישקייט וואָס פּאַסט אים בכלל נישט?!

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז ס'איז דאָ אַ אינגערמאַן וואָס שפּאַצירט אין גאס, ער איז נישט קיין גרויסער 'עובד' אָדער ספּעציעלער ירא שמים, און אינמיטן רופט אים איינער: **"קום, לאָמיר זיך גיין שפּילן אין די זאַמד וואָס איז געמאַכט פאר די קינדער, לאָמיר זיך אַוועקזעצן, מען קען מאַכן שיינע זאַכן"**... זאָגט דער אינגערמאַן: "ניין, איך שפּיל נישט מיט זאַמד". - אָה, ס'האָט דיך געכאַפּט אַ יראת שמים?! האסט געמאַכט נעכטן אַ פרישע קבלה?! **ניין, בכלל נישט, עס פאַלט אים פּשוט נישט איין צו גיין שפּילן מיט זאַמד, ווייל ער איז נישט קיין קינד!**

אָט די זאַך, אַז דער מענטש באַגרייפט נישט ווי הייליג ער איז, דאָס קומט פון אַ גרויסער יצר הרע וואָס מאַכט אויף אונז 'כיסויים' אויף נאָך 'כיסויים'. אויב עס מאַכט זיך אַז איינמאָל אין עטליכע וואָכן קומט אַרויס ווי הייליג ס'איז זיין נשמה, איז דער יצר הרע זיך באַלד נאָכאַמאָל מתגבר און מאַכט זיכער אַז דער מענטש זאָל עס נישט שפּירן און נישט זען. אַזוי **אַז אפילו ווען ער טוט שוין יאָ תורה מיט מצוות זאָל עס זיין 'משפה ולחוץ' אָן קיין נשמה.** אָבער ווען דער מענטש איז מצליח צו מגלה זיין אפילו אַ שטיקל פון זיין אינערליכע נשמה איז דאָס אַ מורא'דיגע הצלחה, ער ווייסט וואָס זיין נשמה איז!

## ראש השנה גייט די פּינטעלע פון דער נשמה אַרויס פון תפיסה

עס שטייט אין ספה"ק **'שם משמואל'**, און פון נאָך צדיקים, אויף דעם מאמר חז"ל **'בראש השנה יצא יוסף מבית האסורים'** אַז יוסף איז די פּינטעלע קדושה וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדן איד. די נשמה איז אויסגעשפּרייט אין אַלע אברים פונעם מענטש, אָבער **ס'איז דאָ איין פּינטעלע וואָס דאָס ווערט אָנגערופן 'יוסף הצדיק'**, און יעדן ראש השנה קומט אַראָפּ דער כח אַז אָט די פּינטעלע זאל אַרויסגיין פון געפענגעניש! עס איז אַ זמן מסוגל צו אַראָפּנעמען די אַלע כיסויים, וואָס האַלט די נשמה אין אַ תפיסה. **די נשמה קען אַרויסגיין אויף דער פריי!**

> ווען א מענטש וואָלט באמת דערהערט ווי הויך זיין נשמה איז וואָלט ער בכלל נישט געהאַט קיין נסיון צו טון אן עבירה!

ווען דאָס פּאַסירט איז דאָס אַ געוואַלדיגע תועלת פאר די יראת שמים פונעם מענטש, ווייל ער הייבט אָן שפּירן די אחריות וואָס ער האָט זיך צו פירן ריכטיג. ווי חז"ל זאָגן אַז אַ מענטש דאַרף אַלעמאָל זען כאילו די וועלט איז 'חציו חייב וחציו זכאי' און דער מענטש וואָס שטייט אינמיטן האָט אַן אחריות אויף דער גאַנצער וועלט. **ווען מען כאַפּט ווי חשוב מען איז הייבט מען אָן דערהערן וויפיל זאַכן ליגן אויפ'ן וואָגשאָל און ס'איז תלוי אין דיר!** אַלעס דרייט זיך אַרום דיין מחשבה, אַרום דיין קביעת עתים לתורה, **ווען אַ מענטש זאל דאָס באמת דערהערן וועט דאָך אַלעס זיין אַנדערש!**

## די הבנה איז בכח צו גענצליך איבערדרייען דעם מענטש לטוב

מען קען דאָס זען ביי מענטשן וואָס מען פרעגט זיי יאָרן שפּעטער: "ווען האָסטו זיך אַזוי געטוישט? ווען האָסטו געמאַכט דעם שינוי צו ווערן אַזויפיל ערנסטער?!". און דער מענטש ציילגט אָן אויף אַ געוויסע צייט אָדער אַ געוויסע מאורע וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק געטוישט אין לעבן. ווען מען קוקט אַריין אין יענע זאַך, סיי אויב ס'איז חלילה געווען אַ צרה, אָדער ס'איז געווען אַ גוטע פּאַסירונג, וועט מען אַלעמאָל זען אַז **ס'איז נישט געווען די 'חיצוניות' וואָס האָט געטוישט דעם מענטש, נאָר ער האָט דעמאָלט באַקומען אַ געוויסע פּנימיות'דיגע הבנה וואָס האָט אים גענצליך משנה געווען.** ער האָט זיך געכאַפּט אַז די וועלט איז נישט קיין קינדערשפּיל - **"איך האָב דאך אַן אחריות צו זיין אַן ערליכער איד! איך בין עפּעס אַ משוגענער וואָס דרייט זיך אַרום אָן קיין שום אחריות אויף דער וועלט?! יאָ, כ'קען גיין צוביסלעך, אָבער איך דאַרף כאָטש אָנהויבן, כ'קען זיך נישט אַרויסדרייען פון מיין אחריות".**

דער מענטש האָט דעמאָלט פאַרשטאַנען ווי חשוב ער איז! **ער האָט קולט געווען וואָס איז זיין נשמה!** און ער האָט גלייכצייטיג באַקומען די געפיל אַז דער אויבערשטער איז מיט אים און ער גייט אים העלפן, ווי דער הייליגער **חידושי הרי"ם** זי"ע האָט געטייטשט דעם חתימת הברכה פון **"מגן אברהם"** אַז דער רבוש"ע באַשיצט אַלעמאָל די פּינטעלע פון אברהם אבינו וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדע אידישע נשמה. **די הייליגע פּינטעלע ווערט קיינמאָל נישט נפגם,** עס בלייבט אייביג ריין, אָפּגעזען וויפיל עבירות מען האָט געטון חלילה. **דער רבוש"ע, מיט זיין גרויסע אהבה צו אידישע קינדער, גיט אַכט אויף אָט די נקודה,** כדי אַז דער איד זאָל קענען צוריקקומען צום אויבערשטן אין יעדן מצב.

ווען אַ מענטש לעבט חיצוניות'דיג שפּירט ער נישט די פּינטעלע פון זיין נשמה. ס'איז אודאי דאָ באַהאַלטן אין אים, אָבער ער נוצט עס נישט, ווייל ער איז נישט מחובר דערצו, נישט מיט זיין ידיעה און נישט מיט זיין געפיל. אָבער **ווען די פּינטעלע וועקט זיך אויף, דעמאָלט ווערט ער אַזוי מקושר דערצו און עס לאָזט אויף אים אַזאַ שטאַרקן רושם,** עד כדי כך אַז ער באַקומט די הרגשה אַז ער אפילו נישט טון קיין עבירה, ווייל ער קען נישט פאַרפּאַטשקענען אַזאַ הייליגע זאַך.

## ראש השנה איז די מסוגל'דיגע צייט צו באַקומען די אמת'ע ידיעה

דער טאָג פון ראש השנה איז דער 'תחלת הזמן' פון דער בריאה, וואָס דעמאָלט ווערט אַלעס צוריקגעשטעלט אויפ'ן ריכטיגן פלאַץ, וויאַזוי עס באַלאַנגט באמת.

**'אלקים עשה את האדם ישר'**, ווען דער רבוש"ע האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער אונז געמאַכט גראד, נאר **'והמה בקשו חשבונות רבים'**, דער מענטש האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט. אָבער ווען מען קומט צוריק צום טאָג וואָס די בריאה האָט זיך אָנגעהויבן, ווערט אַלעס צוריק 'ישר', עס הייבט זיך אן פונדאָסניי!

**יעדער איד באַקומט ראש השנה אַ נייע חיות.** בלויז דער זמן אליינס איז מסוגל דערצו, אַז מען זאָל קענען דעמאָלט אָנהויבן כאַפּן אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט; מען זאל באַגרייפן וואו גרויס מען איז און ווי שטאַרק ס'איז די אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט צו אונז! דאָס איז 'מלכיות' און 'זכרונות' - **'מלכיות' איז געדענקן אַז ס'איז דאָ באַשעפער וואָס פירט די וועלט; 'זכרונות' איז צו געדענקן דאָס גרויסקייט פון דיין נשמה און ווי שטאַרק דער אויבערשטער האָט דיך ליב.**

דער זמן פון ראש השנה איז מסוגל דאָס צו געדענקן, און דערפאַר האט אונז דער רבוש"ע געהייסן: "**אמרו לפני מלכיות**". פּונקט אַזויווי די גמרא זאָגט אַז 'סוכות' מאַכט מען 'ניסוך המים' ווייל דעמאָלט איז דער זמן וואָס מען איז 'נידונים על המים', און 'שבועות' ברענגט מען די 'שתי הלחם' ווייל דעמאָלט איז מען דן 'על פּירות האילן', **אַזוי אויך זאָגט מען 'מלכיות' און 'זכרונות' אום ראש השנה ווייל, דעמאָלט איז דער זמן מסוגל צו געדענקן די צוויי זאַכן!** דער טאָג פון א' תשרי איז 'זה היום תחלת מעשיך', מיר ווערן באַשאַפן ראש השנה, און ס'איז די מערסט מסוגל'דיגע טאָג צו קענען געדענקן די יסוד פון אמונה און די יסוד פון דעם אויבערשטנס אהבה צו אידישע קינדער.

## דער כח פון דעם שופר צו אַנטפּלעקן די 'מלכיות' און די 'זכרונות'

אָבער דער זמן אליינס איז נאָכנישט גענוג אַז דער מענטש זאָל עס טאַקע געדענקן. **דערפאַר דאַרף מען אויך מקיים זיין די ספּעציפישע מצוה וואָס דער רבוש"ע גיט אונז פאר דעם זמן, וואָס בלויז דורך די מצוה קענען מיר אַרויסנעמען די סגולה וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער צייט.**

למשל פּסח ביינאַכט איז די גרעסטע זמן וואָס איז מסוגל אַז אַ איד זאָל קענען ווערן אויסגעלייזט פון זיין אייגענע גלות, אָבער ער וועט נישט זוכה זיין צו דער 'הארה' פון פּסח ביינאַכט, נאר אויב ער וועט מקיים זיין די מצוות פון 'אכילת מצה' און 'סיפּור יציאת מצרים'. בלויז ווען דו ביזט מקיים די אַלע מצוות הלילה, 'בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך', דעמאָלט ביזטו ממשיך אויף זיך דער כח וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם זמן המסוגל!

די זעלבע זאַך איז ראש השנה; **ווען אַ איד זאָגט 'מלכיות' און 'זכרונות' איז ער מעורר דעם מורא'דיגן כח פון ראש השנה**, אָבער כדי אַז מען זאָל דאָס קענען ממשיך זיין אויף זיך, מען זאָל קענען 'קולט' זיין דעם 'אור' פון ראש השנה טיף אין דעם נפש, **דאַרף מען האָבן די מצות עשה דאורייתא פון 'תקיעת שופר'!** דאָס גיט פאַר'ן מענטש די כוחות צו קענען לעבן מיט דעם אמת, צו וויסן ווי גרויס זיין נשמה איז! ווייל **דער שופר האָט די געוואַלדיגע כח צו אַרויסנעמען אַ זאַך 'מן ההעלם אל הגילוי' אויפ'ן שטאַרקסטן אופן.**

## דער שופר גיט אונז די כלים צו מגלה זיין אונזער הייליגע פּנימיות

מען זעט דאָס אפילו אין דעם גשמיות'דיגן חלק פון 'שופר'; דער מענטש וויל אַזוי שטאַרק עפּעס מסביר זיין אָבער ער קען זיך נישט אַרויסברענגען מיט קיין אותיות, ווייל ס'איז אַ פּנימיות'דיגע זאַך, 'רצון' איז העכער פון 'שכל'. ער וויל אַרויסגעבן זיין פּנימיות, זיין 'ויפח באפיו נשמת חיים', אָבער מען קען עס נישט הערן. **לייגט ער צו אַ שופר צו זיין מויל און ווען ער בלאָזט קומט אַרויס אַ קול וואָס טויזנטער מענטשן קענען דאָס הערן, און נתעורר ווערן מיט הרהורי תשובה דורכדעם.** די זאַך וואָס ער האָט געבלאָזן איז באַהאַלטן, מען דערקענט עס נישט, אָבער ווען עס ווערט נתגלה מאַכט דאָס אַ געוואַלדיגן רעש.

ראש השנה זאָגט אונז דער רבוש"ע: איך וויל אַז דו זאָלסט אַרויסנעמען דיין הייליגע נשמה וואָס איז באַהאַלטן! דו ווייסט אליינס נישט ווי פּנימיות'דיג דאָס איז, דו האסט נישט די כלים דאָס צו קענען מסביר זיין, **אָבער יעצט ראש השנה קענסטו דאָס מגלה זיין דורך דעם שופר, עס קען אַרויסקומען פון דיין פּנימיות אויף למעשה!**

## די התגברות אויף אַ נסיון אינמיטן חודש טבת קומט אַדאַנק די 'שופרות' פון ראש השנה

דעריבער זאָגן אונז חז"ל "במה בשופר"; ווייל **דורך דעם שופר קען מען געדענקן דעם 'מלכיות' - אַז דער רבוש"ע איז 'מלך', און דורך דעם שופר קען מען געדענקן דעם 'זכרונות' - אַז דו קומסט פון גאָר אַ הייליגע פּלאַץ.** אָן דעם שופר וואָלטן מיר נישט געקענט האָבן די סייעתא דשמיא דאָס צו קולט זיין, אָבער **מיט די מצוה פון שופר גייט אַריין דער רושם אין אונזער נשמה. אפילו מען שפּירט נישט למעשה וויאַזוי דאָס פּאַסירט!** דער שופר טוט עס! דאָס איז פּונקט ווי אַלע אַנדערע מצוות וואָס האָבן אַ כח צו מקדש זיין דעם מענטש.

אַ איד טרעפט זיך אינמיטן 'חודש טבת' מיט אַ נסיון און ער זיך מתגבר דערויף, ווער האָט אים געגעבן די כוחות דערצו?! **דאָס איז געקומען ווייל ראש השנה האָט ער זיך גע'חזר'ט 'מלכיות זכרונות', און ער האָט געבלאָזן 'שופר'!** דאָס האָט געלאָזט אויף אים אַ הייליגע רושם, והא ראי' אַז ער האָט טאַקע מצליח געווען זיך צו שטאַרקן!

אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס ער גייט מאַכן אַ בר מצוה פאר זיין זון, אָבער ער שעמט זיך צו זיצן אויבן אָן און אויפנעמען מענטשן. ער גייט דאַרפן זאָגן אַפּאָר ווערטער אָבער ער איז זייער אַ שעמעדיגער. רעדט מען צו אים, מען זאָגט אַלע סאָרט געדאַנקן וויאַזוי ער זאָל זיך מתגבר זיין אויף די בושה, נו, ער הערט... ווען מען פרעגט אים אינמיטן צי ער שפּירט שוין רואיג, זאָגט ער אַז נישט.

אָבער שפּעטער ווען ס'קומט אָן די שמחה, האָט ער זיך למעשה פיין מסדר געווען, ער האָט געזאָגט אַ דרשה און ס'איז זייער שיין געווען. פון וואו האָט ער גענומען די כוחות?! **פון די ווערטער וואָס מען האָט אים געזאָגט!** ס'איז אַריין אין זיין מח, אפילו בשעת מעשה האָט ער דאָס נישט געשפּירט.

דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ מיט אַ איד אום ראש השנה. ס'איז אמת לאמיתה אַז **ווען מיר זענען מקיים די מצוה פון תקיעת שופר, ווען מיר זענען מקיים דעם 'אמרו לפני מלכיות', פּאַסירט עפּעס מיט אונזער נשמה! אפילו בשעת מעשה שפּירט דער מענטש נישט אַלעמאָל.** ער האָט פאַר'ן דאַווענען געהייסן 'ראובן', און יעצט נאָכ'ן דאַווענען הייסט ער ווייטער 'ראובן'... ער פילט זיך נישט ווי אַ מלאך וואָס פליעט אין די הימלען... אָבער **ס'האָט איבערגעלאָזט אַ רושם אויף אים!** דער שופר האָט אַרויסגעברענגט זיין פּנימיות צו געדענקן דעם אמת!

## ס'איז געווען אַ שווערע וואך אין ישיבה אָבער דאָס איז נישט 'דו'

כ'האָב אַמאָל מיטגעהאַלטן וויאַזוי אַ חשוב'ער בחור וואָס איז געשטיגן און מצליח געווען בתורה וביראת שמים, האָט אַמאָל געהאַט אַ שווערע וואך, ער איז אויפגעשטאַנען שפּעט און זיין תורה ועבודה האָט אונטערגעהינקעט... ס'איז געקומען סוף וואָך האָט דער בחור זיך געשפּירט אַז ער ליגט טיף אין דער ערד, ער האָט אַזוי פאַרפּאַטשקעט אַ וואָך, ער האָט נישט געהעריג געלערנט, ער ווייסט נישט וואָס מ'רעדט אפילו אין דער סוגיא פון דער וואך.

איז ער צוגעגאַנגען צו זיין מגיד שיעור און אים געפרעגט מיט אַ ווייטאָג: "וואָס איז מיין מצב? וואו שטיי איך?", זאָגט אים דער מגיד שיעור: "בלי עין הרע, קיין עין הרע, דו שטייגסט ב"ה געוואַלדיג". דער בחור האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט: "איך בין נישט געקומען בעטן חיזוק... איך ווייס דאך גאַנץ פיין מיין מצב..."

אָבער דער מגי"ש וואָס איז אַביסל עלטער, אַ בר דעת וואָס זעט זאַכן מיט אַ ברייטערן בליק, האָט זיך צושמייכלט און אים געזאָגט: "ס'איז טאַקע נישט געווען די בעסטע וואך, **אָבער דאָס איז נישט 'דו'.** דו ביזט קיעה"ר אַ חשוב'ער בחור. דו לערנסט, דו שרייבסט די חידושים, דו לערנסט מיט אַנדערע, ביזט אַ כלי מפואר. אין הכי נמי, קומענדיגע וואָך וועט זיין בעסער"... דער בחור האָט טאַקע גוט געכאַפּט די נקודה און ער האָט זיך גלייך צוריקגעכאַפּט מיט אַן התעלות.

## דערמאַן זיך וואָס דו ביזט באמת

דאָס איז אַ ריזיגע חלק פון תשובה, אַז דער מענטש זאל געדענקן אַז נישט בלויז ביי 'מתן תורה' האָט מען געזען די גרויסקייט פון זיין נשמה, נאר **אויך יעצט, אין דיין מהלך החיים, האָסטו דאך געהאַט אַזויפיל ליכטיגע זאַכן און אַזויפיל נסיונות וואָס דו האסט זיך מתגבר געווען דערויף.** דאָס ביזטו באמת! **דאָס איז דיין נשמה!** דער אויבערשטער וויל אַז זאָלסט געדענקן אַז דו ביזט געווען ביי מתן תורה, דו גייסט זיין ביי דער גאולה שלימה, און דיין נשמה איז 'חצובה מתחת כסא הכבוד'!

דאָס איז נישט קיין חיזוק ווערטער, וואָס מען גייט פּראַווענען חיזוק לכבוד ראש השנה... **דאָס איז די מצוה פון 'שופר'! מען דערמאַנט אַ איד וואָס ער איז באמת!**

ווען אַ איד געדענקט דאָס ווערט אים אַזוי גרינג צו תשובה טון. דאָס איז דער ענין פון 'ווידוי' ווען אַ מענטש זאָגט אַז **דער 'חטא' האָט נישט מיט אים קיין שייכות.** עס האָט לײדער פּאַסירט וואָס עס האָט נישט געדאַרפט פּאַסירן און ער איז זיך מתוודה דערויף כדי אַז ער זאָל נישט נאָכאַמאָל פאַרבלאָנדזשעט ווערן און מען זאָל אים נישט קענען פאַרנאַרן מיט די נאַרישקייטן.

**אָט די מחשבות דאַרפן אַרומנעמען דעם מענטש אַגאַנץ ראש השנה!** דאָס איז דער אמת'ער חשבון הנפש ווען מען האָט אַרויס דעם ריכטיגן בילד, און דעמאָלט קען מען זוכה זיין צו תשובה און צו נאָנט ווערן מיט'ן אויבערשטן.

# בקול שופר עליהם הופעת; דער גילוי פון 'שופר' ביים 'מעמד הר סיני' און ביי די 'גאולה העתידה'

## ביים מעמד הר סיני איז טאַקע אַרויסגעקומען אָט די פּנימיות

ביי די פּסוקים פון 'שופרות' דערציילן מיר אַז ס'איז שוין געווען אַמאָל אַזאַ זאַך; **דער אויבערשטער האָט אונז אַמאָל דאָס געוויזן אויף אַ מציאות'דיגן אופן דאָ אויף דער גשמיות'דיגער וועלט!** יעדע זאַך וואָס איז שוין אַמאָל געווען אויף דער וועלט לאָזט איבער אַן אייביגן רושם, אַן 'אור' וואָס מען קען זיך דערמיט מחבר זיין.

דאָס איז פאָרגעקומען בשעת 'מתן תורה'. דעמאָלט האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז אידישע נשמות זענען אינגאַנצן נתגלה געוואָרן; **פּונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער אליינס איז אויך דעמאָלט נתגלה געוואָרן מיט אַזאַ מין גילוי פון 'אתה נגלית בענן כבודך', דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אַ גילוי פון נשמות בני ישראל!**

בשעת אידן זענען געשטאַנען ביי מתן תורה איז געווען 'פּסקה זוהמתן' (שבת קמ"ו, א). וואָס איז די 'זוהמתן'? דאָס זענען די 'כיסויים' וואָס זענען מסתיר אויף דער נשמה, עס לאָזט נישט די נשמה נתגלה ווערן. **ביי מתן תורה איז דאָס אַראָפּגעקומען און די אמת'ע פּנימיות'דיגע נשמה פון יעדן איד איז נתגלה געוואָרן!**

אַז **דער אויבערשטער האָט זיך מגלה געווען** און אַז **אידן האָבן זיך מגלה געווען** איז אודאי געשען **'יצאה נשמתם'** ווען אידן האָבן געהערט דעם 'אנכי ולא יהי' לך', ווייל **ס'איז פּשוט נישט געווען קיין שום זאַך וואָס זאָל מפסיק זיין צווישן די נשמה מיט איר שורש!** ווי דער הייליגער **רמב"ם** שרייבט אין 'אגרת תימן' אַז דאָס איז געווען די איינציגע מאָל וואָס די בריאה האָט געהאַט אַזאַ גילוי. **די נשמה האָט זיך מחבר געווען צום שורש**, און מען האָט געדאַרפט נוצן דעם טל פון 'תחיית המתים' צוריק צו אויפלעבן די גופים. דעמאָלט האָט דער אויבערשטער געזאָגט: "יעצט אַז ענק האָבן שוין באַקומען דעם גרויסן גילוי, קענט איר הערן די איבריגע דברות פון משה רבינו".

## ראש השנה ווערט נאָכאַמאָל ערוועקט דער גילוי פון 'מעמד הר סיני'

יעדן ראש השנה דערמאַנט זיך אונזער נשמה אַז מיר האָבן שוין מיטגעהאַלטן אַזאַ זאַך **דאָ אויף דער זעלבער וועלט וואו מיר וואוינען!** נישט אַזוי לאַנג צוריק איז געווען דאָ אַזאַ מציאות אַז די נשמות זענען נתגלה געוואָרן. וויאַזוי איז דאָס געשען?! **דורך דעם כח פון אַ 'שופר'!** וַיְהִי קוֹל הַשּׁוֹפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד מֹשֶׁה יְדַבֵּר, וְהָאֱלוֹקִים יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל.

נאָך די גרויסע הכנה וואָס אידן האָבן שוין געהאַט פון יציאת מצרים, קריעת ים סוף און שלשת ימי הגבלה, האָט דער 'קול השופר' געבראַנגט אַזאַ סאָרט התגלות, צו גענצליך אַנטפּלעקן זייער נשמה און דאָס אַרויסברענגען לידי גילוי!

יעצט זאָגט דער אויבערשטער פאַר אידישע קינדער: **"איך וויל אַז יעדן ראש השנה זאָלסטו טראַכטן וועגן 'מתן תורה', זאָלסט זיך מצייר זיין במחשבה דאָס בילד פון מתן תורה. דאָס איז זייער וויכטיג פאַר דיין ראש השנה!** טראַכט אַריין וואָס דאָס מיינט אַז דו ביזט געשטאַנען ביים באַרג סיני און דיין נשמה האָט גענצליך אָפּגעלאָזט דעם גוף ווייל דו האסט געזען בחוש אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און דו האסט געשפּירט בחוש אַז דיין גאַנצע חיות קומט נאר פון דער תורה, און קיין שום אַנדערע זאַך ברענגט דיך נישט קיין שום חיות. **דערמאַן זיך דאָס! זאָג די פּסוקים פון 'שופרות' און אַזוי וועסטו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט דער כח פון אַ שופר, צו מגלה זיין דיין פּנימיות".**

## 'מעמד הר סיני' האָט אונז דערציילט די אמת'ע גרויסקייט פון אַ איד וואָס בלייבט אייביג

באמת איז דאך די 'זכירת מעמד הר סיני' איינס פון די 'שש זכירות'. דאָס הייסט אַז אויסערדעם וואָס מ'דאַרף געדענקן דעם 'אנכי ולא יהי' לך' און די עשרת הדברות, **איז דאָ אַן עקסטערע מצוה צו געדענקן דעם מעמד פון "יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב"**. פאַרוואָס דאַרף מען דאָס געדענקן?! ווייל ווען אַ איד זינדיגט הייבט ער אָן באַקומען אויף זיך אַ בליק כאילו ער איז טאַקע אַזאַ סאָרט מענטש. **דאַרף ער זיך דערמאַנען דעם 'מעמד הר סיני' צו געדענקן וואָס ער איז באמת!**

חטאים איז טאַקע זייער אַ ביטערע זאַך. יעדעס מאָל וואָס מען זינדיגט ווערט די נשמה נעבעך מער פאַרדעקט, אָבער **נאָך אַלעם, סוף כל סוף, קען זיך דער מציאות נישט בייטן, 'מציאות בלייבט מציאות' אַז דו ביזט אַ הייליגע נשמה חצובה מתחת כסא הכבוד!** ראש השנה איז דאָ דער ספּעציעלער כח וואָס דער אויבערשטער העלפט יעדן איד צו קענען מגלה זיין די פּנימיות'דיגע נשמה, וואָס איז קיינמאָל נישט נפגם געוואָרן, אַז דאָס זאָל אַצינד אַרויסקומען אינדרויסן! **זיי מתפּלל דערויף, אַז דיין נשמה זאל נתגלה ווערן, אַזויווי ס'איז שוין געווען אַמאָל ביי מתן תורה!**

אַזוי האָט טאַקע דוד המלך מתפּלל געווען אין תהלים: "הוציאה ממסגר נפשי" - איך שפּיר ווי אין בין אַ תפיסה! וויפיל מאָל דערמאַנט דוד המלך אַז ער געדענקט די פריערדיגע זמנים ווען ער איז נישט געווען אין קיין תפיסה און ער בעט השי"ת זאָל אים שוין אויסלייזן. דוד המלך איז געווען אַ שורש נשמה פון אַלע אידן, און ער נוצט די לשונות כדי אַז יעדער איד זאָל קענען זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים און אינזין האָבן- **"איך דערמאַן זיך מיינע יונגע יאָרן, ווען איך האָב אַזוי גוט געלערנט און כ'האָב געדאַוונט מיט אַ ווארימקייט, לעצטנס ביז איך שוואַך געוואָרן, העלף מיר רבוש"ע אַז איך זאָל נאָכאַמאָל קענען שפּירן דיין נאָנטקייט".**

אַ מענטש דאַרף געדענקן נישט בלויז דעם מעמד פון 'מתן תורה', נאָר ער דאַרף זיך דערמאַנען די אַלע גוטע צייטן וואָס ער האָט געהאַט. **דערמאַן זיך די זמנים ווען דיין דאַוונען איז געווען מיט אַ קאָך, דערמאַן זיך די ריינע תמימות וואָס דו האסט געהאַט אַלס קינד. דאָס איז נישט געווען קיין קינדערישע זאַך, דאָס איז דיין אמת'ע מציאות!** נאר שפּעטער איז עס געוואָרן פאַרדעקט מיט די אַלע 'כיסויים'!

## ואנכי לא אשכחך זה מעשה סיני

די גמרא אין מסכת ברכות (לב, ב) זאָגט אויפ'ן פּסוק: **'וַתֹּאמֶר צִיּוֹן עֲזָבַנִי ה' וה' שְׁכֵחָנִי'**, אַז כנסת ישראל זאָגט פאר הקב"ה: **'רבונו של עולם אתה עזבתני ושכחתני'**, דו האסט אונז פאַרגעסן און איבערגעלאָזט. אָבער דער אויבערשטער ענטפערט פאר אידן: **'הֲתִשְׁכַּח אִשָּׁה עוּלָהּ'**.

ווען כנסת ישראל הערט דאָס זאָגט זי: **'רבונו של עולם! הואיל ואין שכחה לפני כסא כבודך, שמא לא תשכח לי מעשה העגל'**. - אויב דו פאַרגעסט גאָרנישט, ווועסטו אונז אויך געדענקן די אַלטע עבירה פון דעם עגל. ענטפערט השי"ת: **'גַּם אֵלֶּה תִשְׁכַּחְנָה'**.

פרעגן אידן ווייטער: 'רבונו של עולם! הואיל ויש שכחה לפני כסא כבודך, שמא תשכח לי מעשה סיני'. אויב דו פאַרגעסט יאָ, אפשר ווועסטו אויך פאַרגעסן דעם מעמד הר סיני. - אמר לה: **'וְאָנֹכִי לֹא אֶשְׁכָּחֵךְ'**.

## דאָס קינד מיט'ן גוטן יחוס איז נישט קיין קונץ אַז ער איז וואויל

דער **'שם משמואל'** (פּרשת אחרי) ברענגט פון הייליגן **קדושת לוי** (מובא בספה"ק **עבודת ישראל** פּרשת בלק) אַז לכאורה איז די גמרא זייער שווער, וואָס איז געווען דער חשש אַז דער רבוש"ע גייט פאַרגעסן מעשה סיני?! דער אויבערשטער פאַרגעסט דאך קיינמאָל גאָרנישט, נאר ברוב רחמיו מאַכט ער זיך כאילו ער האָט פאַרגעסן דעם מעשי העגל, ער איז זיך מעלים דערפון, אויב אַזוי פאַרוואָס זאל בכלל זיין אַ קלער אַז ער גייט אויך פאַרגעסן מעשה סיני?

ברענגט ער אַ משל אַז ס'איז געווען צוויי קינדער וואָס זענען געגאַנגען לערנען אין ישיבה. איינער איז געקומען פון אַ גוטן אָפּשטאַם, און דער אַנדערער איז געקומען פון אַ שווערע משפּחה.

אַצינד, אויב זיי פירן זיך ריכטיג, איז דער עיקר חידוש אויף דעם קינד וואָס קומט פון אַ שוואַכע משפּחה, ווייל דער אַנדערער איז דאָך נישט קיין

דער 'שופר גדול' פון דער גאולה שלימה ווערט געבויעט דורך אונזער 'תקיעת שופר' פון אַלע יאָרן אין גלות

קונץ אַז ער איז וואויל, עס ליגט אים דאך בטבע פון זיין גוטן יחוס.

ווידעראום אויב זיי פירן זיך נישט אויף ווי עס דאַרף צו זיין, קומט זיך אַ גרעסערער עונש פאר דאָס קינד וואָס קומט פון אַ גוטן אָפּשטאַם, אָבער אויפ'ן אַנדערן קינד קען מען נישט האָבן צופיל טענות.

ווען אידישע קינדער טוען מעשים טובים זאָגן די מקטרגים: וואָס איז דען די רבותא אַז זיי פירן זיך גוט, זיי קומען דאך פון אַ גוטן אָפּשטאַם, זיי זענען בני אברהם יצחק ויעקב! און פאַרקערט, ווען אידן פאַלן דורך מיט עבירות, שרייען די מקטרגים אַז אַז ס'קומט זיך זיי חלילה אַ גרויסער עונש ווייל זיי זענען מזרע האבות הק'.

דערפאַר איז דער אויבערשטער מבטיח אין דער נבואה: 'גם אלה תשכחנה', אַז **אפילו אידן קומען פון אַ גוטע אָפּשטאַם וועט ער זיי נישט געדענקן דעם מעשה העגל.** פרעגן אידן: אויב אַזוי ווֶעסטו אפשר אויך פאַרגעסן דעם 'מעשה סיני', דאָס הייסט אַז ס'וועט נישט זיין אַזאַ רבותא אַז מיר האָבן מקבל געווען די תורה ביים באַרג סיני, ווייל מיר קומען דאך פון אַ גוטע יחוס?!

ענטפערט דער אויבערשטער **'ואנכי לא אשכחך' - אַז ווען עס רעדט זיך וועגן דעם 'מעשה סיני', דעמאָלט וועט דער אויבערשטער נישט פאַרגעסן דעם 'מעשה העגל'!** ווען דער אויבערשטער וועט דערמאַנען אַז אידן האָבן געזאָגט 'נעשה ונשמע' **וועט ער אויך געדענקן אַז באמת האָבן זיי אַ שווערע טבע!** והא ראי' זיי האָבן דאך געמאַכט דעם עגל, אויב אַזוי קומט זיך זיי אַ גרויסע שכר פאַר'ן מקבל זיין די תורה!

דער 'קדושת לוי' זאָגט אַז דאָס איז פּשט פון דעם פּסוק (שמות לב, לד): **'וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי עֲלֵיהֶם חַטָּאתָם'**, אַז ווען דער אויבערשטער וועט געדענקן די זכותים פון אידישע מעשים טובים, וועט ער זיך דערמאַנען פון דעם חטא העגל. **מיינסט אַז ס'איז אָנגעקומען פאר אידן גרינג צו זיך פירן ערליך?! זיי האָבן דאך אַ יצר הרע, ווי מ'זעט אַז זיי האָבן געמאַכט אן עגל, און דאָך האָבן זיי געטון מעשים טובים, וועט זייער שכר זיין אַסאַך גרעסער!**

## השי"ת געדענקט וויפיל דו האסט זיך געמוטשעט צו זיין ערליך

דער 'שם משמואל' איז מסביר אַז אין די הייליגע ווערטער ליגט אַ געוואַלדיגע עומק: באמת קומט דאך די נשמה פון גאָר אַ הויכע און הייליגע פלאַץ, חצובה מתחת כסא הכבוד, אָבער פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַלע סאָרט קליפות, כיסויים און תאוות וואָס פאַרדעקן די נשמה.

דעריבער ווען אַ איד טוט אַ מעשה טוב, **געדענקט אים דער אויבערשטער ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען**, ווי די צדיקים זאָגן אויפ'ן פּסוק 'זכרתי לך חסד נעוריך' , אַז דער רבוש"ע געדענקט פּונקטליך וויפיל דער מענטש האָט זיך געמוטשעט, **וויפיל ער האָט לוחם געווען און וויפיל מאָל ער איז דורכגעפאַלן**, דער רבוש"ע געדענקט אַז באמת איז געווען זייער שווער זיך צו מתגבר זיין. דאָס זעלבע ווען אַ איד פאַלט דורך, געדענקט דער אויבערשטער ווי שווער ס'איז געווען זיין נסיון, און ער העלפט אים צו תשובה טון.

אין די הייליגע ווערטער ליגט אַ געוואַלדיגע חיזוק אַז דער רבוש"ע געדענקט דעם מעמד פון 'מתן תורה', און **ער וויל אַז מיר זאָלן דאָס אויך געדענקן**, ווייל דעמאָלט איז אַרויסגעקומען אונזער אמת'ע פּנימיות! **דעמאָלט איז קלאָר געוואָרן אַז אונזער חיצוניות איז בלויז אַ 'כיסוי', און באמת זענען מיר זייער גרויס און לויטער!**

## די תפלה אויף דעם 'שופר גדול' ווייל דעמאָלט וועט נאָכאַמאָל אַרויסקומען דער גילוי

אין דעם המשך פון די פּסוקי 'שופרות' בעטן מיר אויף די גאולה העתידה, **"והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול"**, אַז ביים סוף וועט טאַקע נתגלה ווערן **'וואָס איז דאָס אַ איד'** און **'וואָס איז די תכלית 'הבריאה'**, דאָס וועט געשען דורך דעם זעלבן שופר וואָס האָט געבלאָזן ביי מתן תורה, וואָס האָט אַרויסגעברענגט דעם אמת'ן 'מלכיות' און 'זכרונות', אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט און די אהבה וואָס ער האָט צו אידישע קינדער.

די זאַך האָט זיך אָפּגעשפּילט איינמאָל ביי מתן תורה, ווען ס'איז נתגלה געוואָרן די פּנימיות פון אידן, **און דאָס גייט נאָכאַמאָל געשען ביי די גאולה העתידה!** דעמאָלט וועט דאָס אויך זיין **מיט דעם כח פון דעם 'קול שופר'!** און ס'וועט שוין אַזוי בלייבן אויף אייביג. אידן וועלן האָבן שטענדיג דעם זעלבן תענוג וואָס מיר האָבן געהאַט ביי 'מתן תורה'; מען וועט שפּירן ווי די נשמה איז נתגלה געוואָרן פון דעם 'בית האסורים' און ס'איז אַנטפּלעקט געוואָרן פון די אַלע 'כיסויים' וואָס האָבן דאָס באַדעקט.

עס שטייט פון הגאון רבי **שלמה קלוגער** זצ"ל, און די זעלבע זאַך שרייבט הגאון **מקוזיגלוב** זצ"ל אין זיין ספר **'ארץ צבי'**, אַז **דער 'שופר גדול' פון דער גאולה שלימה ווערט געבויעט דורך אונזער 'תקיעת שופר' פון אַלע יאָרן אין גלות.** דאָס וועט ברענגען אַז ס'זאָל קומען דער גרויסער שופר לעתיד. ווייל ווען מיר זענען עוסק אין דעם 'אתערותא דלתתא', צו מגלה זיין די נשמה דורך דעם 'קול השופר' - וואָס האָט דעם כח צו אַרויסברענגען די אמת'ע מציאות פון אַ איד - **דורכדעם ברענגען מיר נענטער די גאולה שלימה ווען דאָס וועט נאָכאַמאָל געשען מיט אַזאַ התגלות!**

## אידן בעטן אַז ס'זאָל שוין זיין דער שלימות פון דעם התגלות דורך דעם 'קול שופר'

דאָס איז די טעם פאַרוואָס נאָכדעם וואָס מיר זאָגן די פּסוקים פון 'שופרות', בעט מען זיך: **"אלוקינו ואלוקי אבותינו תקע בשופר גדול לחירותנו"**. וואו קומט דאָ אַריין אַ בקשה פאר די גאולה?! בלויז ווייל מען האָט געזאָגט דאָס וואָרט שופר, דערמאַנט מען דעם 'שופר גדול' אַלס אַ גזירה שווה?!

אָבער באמת איז דאך עס אַזוי פּאַסיג אַלס אַ חלק פון דער תפלה, ווייל **דאָס איז למעשה די גאַנצע ענין פון מצות שופר!** אַלע פּראָבלעמען און נסיונות פון דעם מענטש קומט וויבאַלד זיין נשמה איז אַרומגענומען מיט אַזויפיל קליפות און כיסויים, דערפאַר האָט אונז דער רבוש"ע געהייסן אַז **מיר זאָלן זיך אַוועקשטעלן אין דעם טאָג וואָס די בריאה איז באַשאַפן געוואָרן און מיר זאָלן זיך דערמאַנען ווי הויך אַ מענטש איז באמת,** מיר זאָלן זיך דערמאַנען די פּסוקים פון 'מתן תורה' ווען אונזער הייליגע נשמה איז נתגלה געוואָרן. יעצט נאָכדעם וואָס מיר האָבן דאָס אַרויסגעזאָגט, בעטן מיר פאר די גאולה שלימה, **ווען דער רבוש"ע וועט צוענדיגן דעם גאַנצן ענין**, צו מגלה זיין די נשמות פון אידישע קינדער.

די עצם השתוקקות ווען אַ איד דאווענט אַז ס'זאָל שוין קומען די גאולה שלימה, דאָס איז אויך אַ חלק פון די עבודה פון 'שופרות', ווייל ווען אַ מענטש איז מתפלל ווערט די זאַך נתעורר ביי אים. ווען מען בעט אַז די גאַנצע וועלט זאל שוין מכיר זיין די מלכות פון השי"ת, און אַז דער רבוש"ע זאל שוין בלאָזן מיט דעם 'שופר גדול', ברענגט דאָס אַז **שוין יעצט זאָלן מיר אַביסל שפּירן וואָס איז דאָס אַ אידישע נשמה**, אַז מיר זאָלן קענען בלייבן דערמיט אַגאַנץ יאָר.

## געדענקן די גוטע צייטן וואָס מען האָט געהאַט

דאָס איז די גרויסע עבודה פון 'שופרות' און ווי געשמועסט איז דאָס נישט בלויז מחשבות וואָס מען דאַרף האָבן ביים זאָגן 'שופרות', נאר דאָס איז שייך אַלעמאָל. בפרט אין די הייליגע טעג ווען מען איז עוסק אין תשובה, וואָס **אַסאַך מאָל קען מען חלילה טראַכטן אַז די עבירות זענען מיר בעצם, מען קען זיך איינרעדן אַז איך בין אַזאַ סאָרט שוואַכער מהות.** דעריבער דאַרף מען זיך דערמאַנען 'מתן תורה', מען דאַרף זיך דערמאַנען די 'ימי הגדלות' פון זיך אליינס, **צו געדענקן אַז דאָס וואָס דו ביזט לעצטנס דורכגעפאַלן, דאָס איז נישט דיר!**

מען דאַרף זיך דערמאַנען ווען מען האָט אַמאָל געהאַט אַ נסיון און מען איז דאָס יאָ בייגעשטאַנען מיט אַ יראת שמים! מען זאָל זיך דערמאַנען אַז מען האָט געהאַט אַמאָל אַ תקופה וואָס מען גוט געדאַוונט! דאָס איז אַזוי וויכטיג פאַר'ן מענטש צו געדענקן, דאַרפסט דאך וויסן ווער דו ביזט!

## 'רחם' דאָס הייסט רחמנות געהאַט?! 'ארחמנו' איך וועל אַסאַך מער רחמנות האָבן!

לאָמיר נאר ענדיגן מיט די ליכטיגע ווערטער וואָס דער הייליגער **קאָברינער** זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם פּסוק פון די זכרונות: **"הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם אִם יֶלֶד שַׁעֲשֻׁעִים כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד, רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ נְאֻם ה'"**, אַז ווען אַ איד איז זיך מתחרט אויף זיין עבר, ער טראַכט אַריין אַז ער וויל זיין העכער; ער זאָגט **"זכור"** - איך האָב געדענקט דעם אויבערשטן?! דאָס הייסט געדענקט?! **"אזכרנו עוד"** - איך נעם זיך פאָר אַסאַך מער צו געדענקן דעם אויבערשטן!

ווען אַ איד טראַכט אַזוי, ווערט אַזאַ מין אהבה ביים רבוש"ע! און דער אויבערשטער זאָגט: **"רחם"** - דאָס הייסט רחמנות געהאַט?! **"ארחמנו"** - איך וועל אַסאַך מער רחמנות האָבן אויף אים! כ'וועל אים געבן טוב הנגלה!

דאָס טוען מיר ראש השנה ווען מיר זאָגן די פּסוקים, מיר דערמאַנען דעם אמת, אַזאַ זיסע אמת, אַזאַ שיינע אמת. ווי צדיקים האָבן געזאָגט: **"ווי ביטער און פינסטער איז די וועלט פאר איינער וואָס ליגט אין איר, און ווי זיס און לעכטיג איז די וועלט פאר דעם וואָס ליגט נישט דאָרט"**. אַ איד קען לעבן אין דער אמת'ער וועלט, די וועלט פון 'מלכיות זכרונות שופרות'! וויפיל ווארימקייט, וויפיל געשמאַק, וויפיל תענוג, קען מען האָבן, ווען מען לעבט מיט די פּסוקים פון מלכיות, די פּסוקים פון זכרונות, ווען מען אַנערקענט די גרויסקייט פון אונזער נשמה און מען וואַרט אויף די גאולה העתידה.

דורכדעם וועלן מיר זיכער פועל'ן אַ גאולה שלימה פאר דעם כלל און דעם פּרט, און מיר וועלן געבענטשט ווערן מיט אַ שנה טובה ומתוקה.